STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05040

DI GESHIKHTE FUN MAYN TOYBNSHLAK

I. Babel

Permanent preservation of this book was made possible
by Gordon D. Kromberg and Paul Kromberg
in memory of
Monte Kromberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. באַבעל

די געשיכטע פון מיין טויבנשלאַק

און אַנדערע דערציילונגען

פון רוסיש גיטל מייזיל

ווילנע — 1927

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

I. Babel — Di Geszichte fun majn tojbenszlak

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אי. באבעל

מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע

איך בין געבוירן אין אָדעס אין יאָר 1894 בײַ אַ ייד אַ סוחר, אויף מאָלדאַוואַנקע. אַדאַנק די באַמיִונגען פֿון מײַן טאַטן, האָב איך ביז 16 יאָר געלערנט העברעאיש, תּנ"ך און גמרא. אינדערהיים האָב איך געהאַט אַ שווער לעבן, פֿון אינדערפֿרי ביז בײַנאַכט האָב איך געמוזט לערנען אָן אַ שיעור למודים. דאָס איינציקע אָרט, וווּ איך האָב זיך אָפּגערוט איז געווען די שול. די שול האָט געהייסן „אָדעסער קאָמערץ־שול אויפֿן נאָמען פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן". עס איז געווען אַ פֿריילעכע, צעלאָזענע און טומלדיקע פֿילשפּראַכיקע שול. דאָרט האָבן זיך געלערנט קינדער פֿון אויסלענדישע סוחרים, קינדער פֿון יידישע מעקלערס, פֿון מיוחסדיקע פּאָליאַקן, עוואַנגעליסטן און אויך אַ גרויסער צאָל שטאַרק־דערוואַקסענע בילאַרדיסטן. בשעת די פּויזעס אין שול, פֿלעגן מיר אַוועק צום פּאָרט, אין די גריכישע קאַפֿע־הײַזער, אָדער גאָר אויף דער מאָלדאַוואַנקע צו טרינקען אַ ביליקן בעסאַראַבער ווײַן אין די ווײַנקעלערס.

די שול געדענק איך עד־היום אויך דערפֿאַר, וואָס דאָרט איז געווען אַ פֿראַנצויזישער לערער מאָסיע וואַדאָן. ער איז געווען אַ ברעטאָנער און געהאַט ליטעראַרישע פֿעיִקייטן, ווי אַלע פֿראַנצויזן. איך האָב זיך בײַ אים געלערנט פֿראַנצויזיש, גרונטלעך אַדורכגעגאַנגען די פֿראַנצויזישע קלאַסיקער און צו פֿופֿצן יאָר אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען אין פֿראַנצויזיש. כ'האָב געשריבן אין משך פֿון צוויי יאָר, נאָך שפּעטער האָב איך עס געוואָרפֿן; די פּיזאַשן און בלערליי אייגענע באַ־

שפּרעכונגען זענען ביי מיר עפּעס אויסגעקומען פאַרבלאָז, דערפאַר האָט דער דיאַלאָג זיך מיר איינגעגעבן.

נאָכן ענדיקן די שול, בין איך אַריינגעפאַלן אין קיעוו און אין יאָר 1915 — אין פּעטערבורג. אין פּעטערבורג איז מיר געגאַנגען זייער שלעכט, כ'האָב נישט געהאַט קיין וווינרעכט, האָב איך אויסגעמיטן די פּאָליציי און געהאַט אַ קוואַרטיר ערגעץ אין אַ קעלער אויף פּושקינסקע ביי איינעם אַן אייביק שכורן קעלנער. דאַן אין יאָר 1915 האָב איך אָנגעהויבן אַרומצוטראָגן מיינע ווערק איבער די רעדאַקציעס, נאָר מען האָט מיר אומעטום געוויזן דעם וועג. אַלע רעדאַקטאָרן (דער פאַרשטאָרבענער איזמאַילאָוו, פּאָססע און אַנדערע) האָבן מיך געעצהט אַריינצוטרעטן ערגעץ אין אַ געוועלב. איך אָבער האָב זיי נישט געפאָלגט. און סוף 1915 האָב איך זיך דערשלאָגן צו גאָרקין. און אָט — זייער פיל האָב איך צו פאַרדאַנקען אָט דער דאָזיקער באַגעגעניש. און ביז היינט איז פאַר מיר דער נאָמען אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש (מאַקסים גאָרקי) ליב און הייליק. ער האָט אָפּגעדרוקט מיינע ערשטע דערציילונגען אין נאָוועמבער־העפט פון „ליעטאָפּיס" 1916. (פאַר די דאָזיקע דערציילונגען בין איך צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט לויט פּאַראַגראַף 1001). ער האָט מיך אויסגעלערנט אויסערגעוויינלעך פיינע מידות, און דערנאָך, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די פאָר יוגנטלעכע פּרוון, וואָס האָבן זיך מיר איינגעגעבן, זענען נישט מער, ווי אַ גליקלעכער צופאַל, און אַז מיט ליטעראַטור האַלט ביי מיר זייער שמאָל, און אַז איך שרייב גאָר שלעכט — האָט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש מיך געשיקט צווישן מענטשן. און איך בין טאַקע זיבן יאָר — פון 1917 ביז 1924 — געווען צווישן מענטשן. פאַר דער צייט בין איך געווען אַלס זעלנער אויפן רומענישן פראָנט. געדינט אין פאַרשידענע אַנשטאַלטן, געווען אין 1918 אין נאַרונגס־עקספּעדיציעס, אין דער צפון־אַרמיי קעגן יודעניטשן, און דער עדשטער רייטער־אַרמיי, אין אָדעסער גובקאָם, געווען אַ רעפּאָרטער אין פּעטערבורג, אין טיפליס, איך בין געווען אַן אַרויסלאָזער אין אָדעסער סאָוויעטישער דרוקעריי און אַזוי ווייטער.

ערשט אין יאָר 1923 האָב איך זיך אויסגעלערנט אויסצודריקן מיינע געדאַנקען קורץ און שאַרף. דעמאָלט האָב איך זיך ווידער גענו־

מען צו דער פעדער. דעם אַהויב, אויף אַזאַ אופן, פון מיין ליטעראַ־
רישער טעטיקייט. האלט איך, איז געווען דאָס יאָר 1924, ווען אין 4־טן
בוך פון זשורנאַל „לעף״ האָבן זיך באַוויזן מיינע דערציילונגען „זאלץ״,
„בריוו״ „דאלגושאַווס טויט״, „דער קעניג״ און אַנדערע.

נאָוועמבער 1924 יאָר.

אי. באַבעל

די געשיכטע מיט מייז טויבנשלאַג

מאַקסים גאָרקין

בשעת איך בין אַ קינד געווען, האָט זיך מיר זייער געגלוסט צו האָבן אַ טויבנשלאַק. קיין שטאַרקערן פאַרלאַנג האָב איך שוין מער אין מיין גאַנץ לעבן נישט געהאַט. איך בין אַלט געווען ניין יאָר, ווען מיין טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן געלט אויף ברעטלעך און אויף דריי פּאָר טויבן. די מעשה איז געווען אין טויזנט ניינהונדערט פערטן יאָר. איך האָב זיך דאַמאָלס געגרייט צו דער פּריפונג אין צוגרייט־קלאַס פון דער ניקאָלאַיעווער גימנאַזיע. מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, כערסאָנער גוב. איצט איז שוין די גובערניע מער נישטאָ, אונזער שטאָט געהערט שוין איצט צו אָדעסער קרייז.

איך בין אַלט געווען ניין יאָר, און איך האָב מורא געהאַט פאַר די פּריפונגען. איצט, נאָך צוויי צענדליק יאָר, איז שווער צו זאָגן, ווי שטאַרק איך האָב זיך פאַר זיי געשראָקן. ווינציקער ווי אַ פינף האָב איך אויף די צוויי געגנשטאַנדן — אויף רוסיש און אַריטמעטיק — נישט געטאָרט באַקומען. די פּראָצענטנאָרמע איז געווען אַ האַרבע אין אונזער גימנאַזיע, אינגאַנצן פינף פּראָצענט. פון פערציק יינגלעך האָט מען אין צוגרייט־קלאַס צוגענומען, נישט מער ווי צוויי יידן. די לערער האָבן זיך שטאַרק געקלוגט, בשעת זיי האָבן פאַרהערט אָט אָ די יינגלעך, קיינעם האָבן זיי אַזוי קונציק נישט פאַרהערט, ווי אונז.

און ווען דער פאָטער האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפן טויבן, האָט ער פאַרלאַנגט פון מיר דערפאַר צוויי פינפן מיט פּליוסן. ער האָט מיר אויסגעמאַטערט די נשמה, איך האָב אָנגעהויבן צו חלומען אויף דער וואָר עפּעס אַ מין מאָדנעם חלום אָן אַ סוף, אַ לאַנגן קינדערשן חלום, וואָס איז געווען פול מיט יאוש, און אין דעם פאַרחלומטן צושטאַנד בין איך אוועק אויף דער פּריפונג און פונדעסטוועגן אויסגעהאַלטן בעסער ווי אַנדערע.

איך בין געווען אַ פּעיק ייִנגעל, און וויפיל די לערער האָבן זיך נישט באַמיט, האָבן זיי נישט געקאָנט גובר זיין מיין פאַר־שטאַנד און מיין גוטן זכרון. איך בין געווען אַ פּעיק ייִנגל און איך האָב טאַקע בעקומען צוויי פינפן. אָבער שפּעטער האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט.

כאַריטאָן אפרתי, דער תבואה־סוחר, וועלכער פלעגט עקס־פּאָרטירן ווייץ קיין מאַרסעל, האָט אַריינגעשטעקט אין יד אַריין ווען מען דאַרף אַ פינפהונדערטער פאַר זיין זון, און דער סוף איז געווען, אַז אַנשטאָט אַ פינף האָט מען מיר געשטעלט אַ פינף מיט אַ מינוס, און אויף מיין אָרט אין גימנאַזיע איז צו־געקומען געוואָרן דער קליינער אפרתי. מיין פאָטער האָט זיך דאַמאָלס שטאַרק גענומען צום הארצן. פון זעקס יאָר אָן האָט ער מיך געלערנט אַלע לימודים, וואָס האָבן זיך נאָר געלאָזט. דער צופאַל מיטן מינוס האָט געבראַכט ממש צו פאַרצווייפלונג. ער האָט גע־וואָלט אָנרעדן צוויי טרעגער אָדער אַליין גאָר געבן פּעטש אפרתין, אָבער די מאַמע האָט אים אָפּגערעדט פון דעם שלעכטן געדאַנק, און איך האָב גענומען זיך גרייטן צו דער צווייטער פּריפונג, אויף איבעראַיאָר, אין ערשטן קלאַס אַריין. מיינע על־טערן האָבן הינטן־אַרום אונטערגעהעצט מיין לערער, אַז ער זאָל דורכגיין מיט מיר אין איין יאָר דעם קורס פון צוגרייט־קלאַס און ערשטן קלאַס צוזאַמען, און היות ווי מיר זענען געווען שטאַרק געפאַלן ביי זיך, האָב איך אויסגעחזרט אויף אויסווייניק גאַנ־צע דריי ביכער: סמירנאָווסקיס גראַמאַטיק, יעווטושעווסקיס אַריט־מעטישע אויפגאַבן און פּיציקאָוויטשעס רוסישע אָנפאַנג־געשיכטע. קינדער באַנוצן שוין איצט נישט די ביכער, אָבער איך האָב

זיי אויסגעחזרט אויף אויסווייניק, פון א ביז ת, און איבעראַיאָר האָב איך אויף דער פּריפונג פון רוסיש באַקומען ביים לערער קאַראַוואַיעוו דעם נישט־דערגרייכבאַרן פינף מיט אַ צלם. די קליינע שטאָט אונזערע האָט לאַנג געהאַט צו שושקען זיך וועגן מיין אויסערגעוויינלעך מזל, און וואָס שייך מיין פּאַטער, איז ער ביי זיך געווען אַזוי נעבעכדיק שטאָלץ, אַז מיר איז געוואָרן אומבאַרטרעגלעך דער געדאַנק וועגן דעם נישט־איינגעשטעלטן הר־האַ־לעבן זיינעם, אומערטרעגלעך דער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער גיט זיך אַזוי לייכט אונטער אַלע נסיונות און רק ער פריידט זיך מיט זיי אָדער ער ווערט פון זיי אָפּגעשוואַכט.

דער לערער קאַראַוואַיעוו איז אין מיינע אויגן געשטאַנען אַ סך העכער פון מיין פּאָטער. קאַראַוואַיעוו איז געווען פון די מאָסקווער סטודענטן, אַ היציקער פּאַרשוין מיט אַ פּאָר רויטע באַקן. איך ווייס נישט, צי איז ער אַלט געווען 30 יאָר. זיין מענערישער פּנים האָט שטענדיק געבליט, געררויטלט זיך, ווי ביי יענע פּויערשע חברה־לייט, וואָס אַרבעטן נישט שווער. אויף איין באַק נאָר האָט ער געהאַט אַ מיאוסע בראָדאַווקע מיט אַ בינטל קעציש האָר פון אַש־קאָליר, וואָס זענען פון דער בראָדאַווקע אַרויסגעוואַקסן. אויסער קאַראַוואַיעוון איז אויף דער פּריפונג בייגעווען אויך דער געהילף ערן־אויפזעהער פּיאַטניצקי, אַ וויכטיקע פּערזאָן אין גימנאַזיע און אין דער גאַנצער גובערניע. דער געהילף ערן־אויפזעער האָט מיך געפרעגט וועגן פּיאָטר דעם גרויסן, איך האָב פאַרגעסן אויף וועלכער וועלט איך בין, איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז עס דערנענטערט זיך צו מיר דער סוף, אַז עס דערנענטערט זיך צו מיר אַ תהום, אַ טרוקענער תהום, וואָס איז פול מיט התפּעלות און פול מיט יאוש.

וועגן פּיאָטר דעם גרויסן דאָב איך געקאָנט אויף אויסווייניק פון פּוציקאָוויטשעס ביכל און אויך פּושקינס לידער, איך האָב אויסגעשאָסן אָט די לידער, קווייטלדיקע מענטשישע פּנימער האָבן זיך פּלוצים אַריינגעכאַפּט צו מיר אין די אויגן און האָבן זיך איבערגעמישט דאָרט, ווי עס מישט זיך איבער אַ נייע

טאַש קאָרטן. די פּנימער האָבן זיך איבערגעטאַשט אויפן דעק פון מיינע אויגן, און איך האָב בשעת־מעשה אינגאַנצן געציטערט, אויסגעגלייכט זיך און איילנדיק אויסגעשריען פּושקינס פערזן. לאַנג האָב איך זיי געשריען, קיינער האָט נישט איבערגעשלאָגן דעם משוגענעם קוויטש מיינעם, נישט איבערגעשלאָגן מיין פאַר־כלינען זיך, מיין שטאַמלען. דורך אַ שאַרלעך־רויטער בלענדעניש, דורך אַ ווילדן פרייהייט־געפיל, וואָס האָט מיך אינגאַנצן באַ־הערשט, האָב איך געזען דעם אַלטן געבויגענעם קאָפּ פון פּיאַט־ניצקין, געזען זיין גבֿזילבערטע באָרד. ער האָט מיר נישט אי־בערגעשלאָגן, ער האָט נאָר געזאָגט קאַראַוואַיעוון, וואָס האָט גע־יובלט פאַר מיר און פאַר פּושקינען:

— אָט אַ נאַציע, — האָט דער אַלטער א מורמל געטון, — אָט די זשידעס אייערע, דער רוח שטעקט אין זיי...

און ווען איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— גוט, קאָנסט שוין גיין, מיין פריינד...

איך בין אַרויס פון קלאַס אין קאָרידאָר אַריין, און דאָרט האָב איך זיך צוגעשפּאַרט צו דער אויסגעווייסטער וואַנט און אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די פאַריאָגטע חלומות מיינע, קומען צו זיך פון דעם קלעם זייערן. אַרום און אַרום האָבן זיך גע־שפּילט רוסישע יינגלעך, נישט ווייט פון מיר איז איבער די טרעפּ אין דער הויך געהאָנגען דער שול־גלאָק, אַ קליינער שול־וועכטער האָט געדרעמלט אויף אַן דורכגעקוועטשטן שטול. איך האָב געקוקט אויפ׳ן וועכטער און צו ביסלעכווייז געקומען צו זיך. די קינדער האָבן זיך גערוקט צו מיר פון אַלע זייטן, זיי האָבן מיר געוואָלט אַ שנעל טון אָדער פּשוט זיך אַ שפּיל טון מיט מיר, אָבער אין קאָרידאָר האָט זיך פּלוצים באַוויזן פּיאַטניצקי. ער איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן מיר, אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט, און זיין ראָק האָט שווער און לאַנגזאַם אַ כוואַליע געטון אויף זיין פּלייצע. איך האָב דערזען דעם אויפבּרויז אויף דער גראָמער, פלייַשיקער און פּריצישער פּלייצע זיינער און האָב זיך אַ רוק געטון צום אַלטן.

קינדער, — האָט ער געזאָגט צו די גימנאַזיסטלעך, —

טשעפּעט נישט דעם יינגל — און ער האָט אַוועקגעלייגט אויף מיין אַקסל זיין פּעטע צאַרטע האַנט.

— מיין פריינד, — האָט זיך פּיאַטניצקי דער געהילף־ערן־אויפזעער אויסגעדרייט צו מיר, — גיב איבער דעם טאַטן, אַז דו ביסט צוגענומען געוואָרן אין ערשטן קלאַס.

אַ פּרעכטיקער שטערן האָט אַ פינקל געטון אויף זיין האַרץ, די מעדאַלן ביי זיין לאַץ האָבן אַ קלימפּער געטון און דער גרויסער שוואַרצער מונדירן־גוף האָט גענומען זיך דערווייטערן אויף זיינע גלייכע פיס. די מרה־שחורהדיקע ווענט האָבן צונויפגעדריקט אָט דעם גוף, ער האָט זיך באַוועגט צווישן זיי, ווי אַ משא־שיפל באַוועגט זיך אין אַ טיפן קאַנאַל, און באַלד איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די טירן פון דעם דירעקטאָרס צימער. דער קליינער באַדינער האָט מיט אַ פייערלעכן רעש דורכגעטראָגן פון זיינעטוועגן טיי, און איך האָב זיך געלאָזט לויפן אַהיים, צו אונדז אין געוועלב אַריין.

אין געוועלב ביי אונדז איז געזעסן און זיך פול מיט ספקות געקראַצט אַ קונה, אַ פויער. ווען דער פאָטער האָט מיך דערזען, האָט ער געלאָזט שטיין דעם פויער און נישט לאַנג געטראַכט, מיט לב ונפש זיך איבערגעגעבן מיין דערציילן. ער האָט געהייסן דעם משרת פאַרשליסן דאָס געוועלב און גענומען לויפן אויף סאָבאָרנע גאַס קויפן פאַר מיר אַ היטל מיט אַ קנעפּל. ער איז משוגע געוואָרן, דער מענטש, און די מאַמע, נעבעך, האָט מיך קוים אָבגעריסן פון אים. די מאַמע איז דאַן געווען בלאַס און נישט געהאַט אין זיך קיין בטחון. זי האָט מיך אָט געגלעט און אָט אָפּגעשטופּט פון זיך מיט עקל. וועגן אַלע צוגענומענע אין גימנאַזיע — האָט זי געזאָגט — וועט זיין געדרוקט אין די צייטונגען, און גאָט וועט אונדז שטראָפן און מענטשן וועלן פון אונדז חוזק מאַכן, אויב מיר וועלן קויפן די גימנאַזיע־בגדים פאַר דער צייט. די מאַמע איז געווען בלאַס, נישט געהאַט קיין בטחון אין זיך און געקוקט אויף מיר מיט אַ ביטערן רחמנות, ווי מען קוקט אויף אַ קאַליקע, ווייל נאָר

זי אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, ווי אומגליקלעך אונזער משפחה איז.

די מענער פון אונזער פאַמיליע האָבן געגלויבט יעדן איינעם, זיי זענען געווען נישט קיין באַטראַכטע, היציקע קעפּ, און אין קיין זאַך האָבן מיר קיין גליק נישט געהאַט. מיין זיידע איז געווען אַמאָל רב אין ביאַלע־צערקאָוו, מען האָט אים דורכגעטריבן פון דאָרטן פאַר אַ חילול־השם, און ער האָט געלעבט נאָכדעם נאָך פערציק יאָר, געלעבט רעשיק, אָבער זייער באַשרענקט, געלערנט פרעמדע שפּראַכן און אויפן אַכציקסטן יאָר פון זיין לעבן אָנגעהויבן ווערן עובר־בטל. מיין פעטער לייב, דעם טאַטנס ברודער, האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, אין 1892 יאָר איז ער אַנטלאָפן פון מיליטער און אַרויסגעגנבעט דאַמאָלסט די טאָכטער פון דעם אינטענדאַנט, וואָס האָט געדינט אין קיעווער מיליטער־קרייז. דער פעטער לייב האָט זי אַוועקגעפירט אין קאַליפאָרניע, אין לאָס־אַנזשעלאָס, דאָרט האָט ער זי אַוועקגעוואָרפן און אַליין איז ער געשטאָרבן אין אַ מיאוסער שטוב, צווישן נעגערן און מאַלייצעס. די אַמעריקאַנער פּאָליציי האָט אונז נאָך זיין טויט צוגעשיקט פון לאָס־אַנזשעלאָס די ירושה נאָך אים — אַ גרויסן קאַסטן, באַשלאָגן מיט ברוינע, אייזערנע רייפן. אין קאַסטן זענען געלעגן גימנאַסטיק־געוויכטן, פּאַסמעס פרויען־האָר, דעם זיידנס טלית, בייטשן מיט גילדערנע הענטלעך און שאַכטלעך פון בלומען־טיי, באַזעצט מיט ביליקע פּערל.

פון דער גאַנצער משפחה זענען נאָר פאַרבליבן דער משוגענער פעטער שמעון, וואָס האָט געוואוינט אין אָדעס, מיין טאַטע און איך, אָבער מיין פּאָטער האָט שטאַרק געגלויבט יעדן מענטש. מענטשן האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן זיינע התפעלותן פון אַן ערשטער ליבע, און האָבן אים געגאַרט דערפאַר אויף טריט און שריט. מיין פּאָטער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז אין זיין לעבן האָט אַ שליטה אַ בייזער גורל, עפּעס אַ מין געהיים וועזן, וואָס פאַרפאָלגט אים און וואָס איז לגמרי נישט ענלאַך צו אים. בין איך אַליין הייסט דאָס, געבליבן ביי מיין מוטער,

זוי יעדער ייד, בין איך אויך געווען קליינוויקסיק און קרעצגקלעך, און האָב געליטן אויף קאָפּ־שמערצן פון דעם לערנען. דאָס אַלץ האָט גוט געזען רחל, מיין מאַמע, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען פאַרבלענדט פון איר מאַנס קבצנישער שטאָלצקייט, פון זיין אומפאַרשטענדלעכן גלויבן אין דעם, אַז אונזער יחוסדיקע משפּחה וועט נאָך אַמאָל זיין שטארקער און גרויסארטיקער פון אַנדערע מענטשן אויף דער ערד. זי האָט נישט געהאָפט אויף קיין שום גליקן. זי האָט נישט געוואָלט קיין נייע שול־העמדל און נאָר ערלויבט מיר אַראָפּצינעמען זיך ביי אַ פאָטאָגראַף אויף אַ גרויס בילד. און דאָך איז אונז פאָרט באַשערט געווען צו קויפן אַ היטל מיט אַ קנעפּל.

דעם צוואנציקסטן סעפּטעמבער טויזנט ניינהונדערט פינפטן יאָר איז אין גימנאַזיע אַרויסגעהאַנגען געוואָרן די רשימה פון די אָנגענומענע אין ערשטן קלאַס. אין צעטל איז געווען דערמאָנט מיין נאָמען. אַלע אונזערע קרובים זענען געגאנגען קוקן אויפן פּאַפּירל, און אפילו שואל, דער אַלטער קרוב מיינער, איז אויך געגאַנגען קוקן. איך האָב ליב געהאַט דעם אַלטן באַרימער, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט פיש אויפן מאַרק. זיינע גראָבע הענט זענען שטענדיק געווען פייכט און באַדעקט מיט פיששופן, און אַ געשטאַנק פון קאַלטע, וואונדערבאַרע וועלטן האָט זיך שטענדיק געטראָגן פון זיי.

אַדאַנק דעם און אויך אַדאַנק זיינע בבא־מעשיות, איז שואל געווען אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע מענטשן. אַמאָליקע צייטן איז שואל געווען אַ שענקער אין סקווירע, און דאָרט איז ער געווען אַן עדות, ווי די זעלנער פון ניקאָליי דעם ערשטן האָבן געשאָסן דעם פירשט גאָדלעווסקי און די איבעריקע פּאָליאַקן פון אויפשטאַנד. עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז די מעשה איז נישט אמת. איצט ווייס איך שוין, אַז שואל איז געווען נישט מער, ווי אַן אַלטער עם־הארץ און אַ נאַיווער ליגנער, אָבער זיינע בבא־מעשיות געדענק איך ביז איצט, זיי זענען געווען זייער פיינע. אפילו דער נאַרישער שואל איז, הייסט דאָס, געקומען אין גימנאַזיע אָנקוקן מיין נאָמען אויף דער רשימה, און

אויפדערנאַכט האָט ער שטאַרק געטאַנצט און געהאָפּקעט אויף אונזער באַשיידענע סעודה, און נישט מורא געהאַט פאַר קיינעם נישט, נישט מורא געהאַט, וואָס קיינער אויף דער וועלט האָט אים נישט ליב.

דער פאָטער האָט פון גרויס שמחה געמאַכט אַ סעודה און האָט צונויפגערופן זיינע פריינט — תבואה־סוחרים, מעקלערס פון גיטער און וואָיאַזשאָרן, וואָס האָבן אין אונזער געגנט פארקויפט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. די מאשינען האָבן זיי פארקויפט יעדן בעסטן. די פויערן און די פריצים האָבן פאַר זיי מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן זיך פון זיי נישט געקאָנט אָפּטשעפּען, ביז וואַנען זיי האָבן עפּעס נישט געקויפט. און וואָיאַזשאָרן זענען דאָך דורכגעטריבענער און פרייל עכער פון אַלע יידן אויף אונזער שמחה האָבן זיי געזונגען חסידישע לידער. די לידער זענען באַשטאַנען אינגאַנצן פון דריי ווערטער, אָבער זיי זענען געזונגען געוואָרן צעצויגן, מיט אָן אַ שיעור קאָמישע אינטאָנאַציעס. דעם רירנדן חן פון די אינטאָנאַציעס קאָן פאַרשטיין נאָר יענער, ווען עס איז אויסגעקומען צו זיין אויף אַ חסידישן סדר, אָדער אין די ראַשיקע חסידישע בתי־מדרשים אויף וואָלין. אויסער די וואָיאַזשאָרן, איז צו אונז געקומען דער אַלטער ליבערמאַן וואָס האָט מיט מיר געלערנט תנ"ך און העבּרעאיש. מען האָט אים ביי אונז גערופן מאָסיע ליבערמאַן, ער האָט אויסגעטרונקען פון דעם בעסאַראַבן־ווייַן אַביסל מער, ווי ער האָט באַדאַרפט, די ציצית זענען ביי אים אַרויסגעקראָכן פון אונטער זיין רויט וועסטל, און ער האָט פון מיין כּבוד וועגן געהאַלטן אַ דרשה אין העבּרעאיש. דער אַלטער האָט אין זיין דרשה אָפּגעגעבן מיינע עלטערן אַ מזל־טוב און האָט געזאָגט, אַז איך האָב אויף דער פּריפונג גובר געווען מיינע שונאים, גובר געווען די רוסישע יינגלעך מיט די גראָבע באַקן און די זין פון אונזערע האַרטהויטיקע גבירים. אַזוי האָט אויך דוד, דער מלך פון יהודה, אַמאָל־אַמאָל גובר געווען גליתן, און פונקט אַזוי, ווי איך טריאומפיר איצט אויף גליתן, אַזוי וועט אויך אונזער עקשנותדיק פאָלק גובר זיין מיט דער קראַפט פון זיין שכל די שונאים, וואָס רינגלען אונז אַרום און וואָס לויערן

אויף אונזער בלוט. אָפּגעזאָגט די ווערטער האָט זיך מאָסיע לי־בערמאַן צעוויינט, וויינענדיק גענומען נאָך אַ טראָפּן, און זיך צע־שריען: „וויוואַט“! די געסט האָבן אים אַריינגענומען אין דערמיט און אָנגעהויבן צו טאַנצן מיט אים אַ פּאַרצייטיקן קאַדריל פון אַ קליינשטעטלדיקער חתונה, אַלע זענען אויף אונזער שמחה שטאַרק פריילעך געווען. אפילו מיין מוטער איז געווען שיכּור, הגם זי האָט נישט ליב געהאַט צו טרונקן און נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָן מען עס בכלל ליב האָבן בראָנפן. זי האָט דעריבער אַלע רוסישע געהאַלטן פאַר משוגעים און נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי לעבן עס פרויען מיט רוסישע מענער.

די גליקלעכע טעג זענען ערשט געקומען שפּעטער, געקו־מען פאַר דער מוטער דאַמאָלסט, ווען זי האָט טאָג־טעגלעך גע־נומען גרייטן דאָס עסן פאַר מיין אַוועקגיין אין גימנאַזיע, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די געוועלבן אַיינצוקויפן פאַר מיר מיין ביסל בעל־הבתישקייט: אַ פּעדער־קעסטל, אַ קאַסע, אַ טעקע, נייע ביכער אין קאַרטאָנענע טאָוולען, העפטן אין גלאַנצנדיקע הילעס. קיינער אויף דער וועלט פילט נישט אַזוי שטאַרק דעם טעם פון נייע זאַכן, ווי קינדער, קינדער צאַפּלען־אויף פון זייער ריח, ווי אַ הונט, ווען ער דערשפּירט אַ האָז, און זיי לעבן אי־בער יענעם משוגעת, וואָס שפּעטער, ווען מיר וואַקסן־אויס, געבן מיר אים אַ נאָמען באַגייסטערונג. אָט דער ריינער קינדער־שער אייגנטום־געפיל פון די זאַכן, וואָס האָבן געשמעקט מיט ליבער פייכטקייט און קילקייט, פון זיי האָט זיך אָנגעשטעקט מיין מוטער, אַ גאַנצן חודש האָבן מיר געהאַלטן אין איין צוגעוואוי־נען זיך צום פּעדער־קעסטל און צו דער פרימאָרגנדיקער אומ־פאַרגעסלעכער האַלב־טונקלקייט, בשעת איך האָב געטרונקען טיי אויפן עק פון באַלויכטענעם טיש אָדער צענויפגעלייגט די ביכער אין טעקע; אַ גאַנצן חודש האָבן מיר געהאַלטן אין איין צוגע־וואוינען זיך צו אָט דעם גליקלעכן אַרט לעבן אונזערן, און ערשט נאָך דער ערשטער שול־צייגניש האָב איך זיך דערמאָנט אָן די טויבן.

— איך האָב שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט פון זייערטוועגן

אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס און אַ טויבנשלאַק, וואָס דער אַלטער שואל האָט פאַר מיר געמאַכט פון אַ קאַסטן, דער טויבנשלאַק איז געווען אָפּגעפאַרבט אין ברוינער פאַרב. ער איז געמאַכט געוואָרן מיט נעסטן פאַר צוועלף פאָר טויבן, מיט געשניצטע ברעטלעך אויפן דאַך און מיט ספּעציעלע שטאַכעטן, וואָס איך האָב צוגעטראַכט, אויף אַריינצונאַרן פרעמדע טויבן.

אַלץ איז געווען פאַרטיק, זונטיק דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער האָב איך געוואָלט גיין אויפן אָכאָטנישער מאַרק, אָבער אומערוואַרטעטע בייזע אָנשיקעניש האָבן זיך מיר געשטעלט אין וועג.

די מעשה וואָס איך דערצייל, דאָס הייסט, מיין אָנקומען אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע, איז פאָרגעקומען הערבסט־צייט. טויזנט נייַנהונדערט פינפטן יאָר, דער קיסר ניקאָליי האָט דאַמאָלסט געגעבן דעם רוסישן פאָלק די קאָנסטיטוציע, רעדנער אין אָפּגעטראָגענע מאַנטלען האָבן געקלעטערט אויף די טומבעס פון דער שטאָט־ראַט־געביידע און גערעדט רעדעס צום פאָלק. ביינאַכט האָט מען אין די גאַסן געשאָסן, און די מוטער האָט מיך נישט געוואָלט לאָזן אויף אָכאָטנישקע. דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער האָבן די שכנישע יינגלעך פון אינדערפרי אָן געלאָזט פאַפּירענע שלאַנגען אין דער לופטן, פונקט אַנטקעגן דעם פּאָליציי־צירקל, און דער וואַסער־פירער אונזערער האָט איבערגעלאָזט אַלע אַרבעטן און זיך אַרומגעגאַנגען אַ צוגעפוצטער מיט אַ רויט פנים. שפּעטער האָבן מיר דערזען, ווי דעם בעקער קאַליסטאָווס זין שלעפּן אַרויס אין דרויסן אַ לעדערנע „קאָבילע״ און מאַכן גימנאַסטיק אין מיטן גאַס. קיינער האָט זיי נישט געשטערט, און דער „גאָראָדאָוואָי״ סעמיאָרניקאָוו האָט זיי נאָך אונטערגעגעבן היץ, זיי זאָלן שפּרינגען העכער. סעמיאָרניקאָוו איז געווען אונטערגעגאַרטלט מיט אַ זיידענעם געשטריקטן פּאַסיקל, און זיינע אויסגעפוצטע שטיוול האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ גלאַנץ, ווי אין דעם טאָג. דער „גאָראָדאָוואָי״, אָנגעטון אין ציווילע קליידער, האָט מער ווי אַלץ איבערגעשראָקן די מאַמע, און דערפאַר טאַקע האָט זי מיך נישט געוואָלט לאָזן גיין, אָבער איך האָב זיך דורך הינטער־הויפן אַרויסגעכאַפּט אויף

דער גאַס און גיך געקומען צולויפן אויף אָכאָטניטשקע, וואָס האָט זיך געפונען ווייט נאָכן באַן־הויף.

אויף אָכאָטניטשקע איז אויף זיין שטענדיקן אָרט געזעסן איוואַן ניקאַדימיטש, דער טויבן־הענדלער. אויסער די טויבן האט ער נאָך פארקויפט קיניגלעך און אויך אַ פאווע, אַן ער. די פאַ־ווע האָט צעלאזט דעם בלישטשענדיקן עק, זיך געזעסן אויף אַ דין שטעקעלע און געדרייט אין אַלע זייטן מיטן קאַלטבלוטיקן, וואונדערבאַר־שיינעם קעפל. איין פיסל איז ביי דער פאַווע גע־ווען אַרומגעבונדן מיט אַ געדרייט שטריקל, און דער אַנדערער עק פון דעם שטריקל איז געווען צוגעבונדן צו איוואַן ניקאַ־דימיטשעס געפלאָכטענעם שטול. געקומען, האָב איך באַלד גע־קויפט ביים אַלטן צוויי העל־רויטע טויבן מיט פאַרדריפּעטע פּרעכטיקע עקן, און א פּאָר טויבן מיט פאַטלעס. די טויבן האָב איך אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און [באַהאַלטן צו זיך אין בוזים אַריין. נאָך דער קניה זענען ביי מיר איבערגעבליבן פערציק קאָפּיקעס, אָבער דער אַלטער האָט פאַר דעם געלט נישט גע־וואָלט אָפּגעבן אַ טויב מיט אַ טייבל פון קריוקאָווער מין. די קריוקאָווער טויבן האָב איך ליב געהאַט פאַר זייערע קורצע, שטייפע, פריינטלעכע שנאָבלען. מער פון פערציק קאָפּיקעס זענען זיי נישט ווערט געווען. אָבער דער אַלטער איז געווען אַ יקרן. ער האָט געהאַלטן אין איין אָפּקערן פון מיר זיין געל פּנים, וואָס די ווילדע ליידנשאַפטן פון אַ פויגל־פאַנגער האָבן עס דורכגעברענט דורך און דורך. צום סוף האָט איוואַן ניקאַ־דימיטש דערזען, אַז קיין אַנדערע קונים ווייזן זיך נישט, האָט ער מיך צוגערופן צו זיך. אַלץ איז אויסגעקומען, ווי איך האָב געוואָלט, אָבער אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט שלעכט.

צוועלף אַ זייגער בייטאָג, אָדער אפשר אַ ביסל שפּעטער, איז איבערן פּלאַץ דורכגעגאַנגען אַ מענטש אין וואַרעמע שטיוול. ער איז געגאַנגען גרינג אויף זיינע אויפגעבלאָזענע פיס, און אויף זיין אויסגעריבענעם פּנים האָבן געברענט אַ פּאָר אָנגעצונ־דענע אויגן.

— איוואַן ניקאַדימיטש, — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז

אַדורך פאַרביי דעם יעגער, — נעמט צונויף די פעקלעך, די ירושלימער אַדל־לייט באַקומען איצט אין שטאָט די קאָנסטיטוציע. אויף דער פיש־גאַס האָט מען דעם אלטן, באַבעלס קרוב, אויף טויט מכבד געווען...

ער האָט געזאָגט די ווערטער און זיך לייכט געלאָזט גיין צווישן די שטייגלעך, ווי אַ באָרוועסער פעלד־ארבעטער, וואָס גייט איבער אַ פעלד־שטעגל.

— א שאָד — האָט איוואַן ניקאַדימיטש נאָכגעשיקט נאָך אים אַ מורמל, — אַ שאָד, — האָט ער א געשריי געטון שטרעבגער און גענומען צונויפקלייבן די קיניגלעך און די פאווע און האָט מיר אריינגערוקט די קריוקאָווער טויבן פאַר פערציק קאָפיקעס. איך האָב זיי באַהאַלטן אין בוזעם אריין און געקוקט, ווי דער עולם צעלויפט זיך פון פלאַץ. דער לעצטער איז אוועק איוואַן ניקאַדימיטש מיט דער פאווע אויפן אקסל. די פאווע איז געזעסן, ווי די זון אויף אַ פייכטן האַרבסט־הימל, געזעסן, ווי עס זיצט דער יולי אויף א ראָזן ברעג פון טייך, דער צעגליטער יולי אין לאנגן קאלטן גראָז. איך האָב נאָכגעקוקט דעם אלטן מיט זיין שוסטער־בענקל, נאָכגעקוקט די ליבע שטייגלעך, וואָס זענען געווען פאַרוויקלט אין פארביקע שמאטעס. קיינער איז שוין נישט געווען אויפן מארק, ערגעץ נישט־ווייט האָט זיך געהערט א שיסעריי. דאמאלס האָב איך זיך געלאָזט לויפן צום באַן־הויף, איבערגעשניטן דאָס גערטנדל, וואָס האָט זיך פלוצים א קער־איבער געטון, און בין אַריינגעפלויגן אין דעם פוסטן געסל, וואָס איז געווען באדעקט מיט געלן זאַמד. ביים עק געסל אויף א פאָטעלעכל מיט רעדלעך איז געזעסן דער אָנפיסיקער מאקארענקא, וואָס פלעגט אין זיין פאָטעלעכל ארומפארן איבער דער שטאט און פארקויפן פאַפיראָסן פון אַ שטעלכנדל, די יינגלעך פון אונזער גאס פלעגן ביי אים קויפן פאַפיראסן, קינדער האָבן אים ליב געהאט, און איך האָב זיך א ווארף געטון צו אים אין געסל אריין.

— מארקארענקאָ, — האָב איך געזאָגט, אן אן אָטעם פונם

לויפן, און אַ גלעט געטון דעם אָנפּיסיקן ביים אקסל, – האָסטו אפשר געזען דעם אַלטן פּעטער שואַל?

אבער דער קאלעקע האָט נישט געענטפערט. זיין גראָב־פּנים, צעגויפגעשטעלט פון רויטן שמאַלץ פון פויסטן און פון אייזן, האָט אזש דורכגעלויכטן. ער איז געווען שטארק אויפגע־רעגט און נישט איינגעזעסן אין פאָטעלכל, און זיין ווייב קאטיו־שא, אויסגעדרייט צו אים מיטן וואַטאָוון היגטן, האָט זיך געפּאָ־רעט ביי די זאַכן, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דר׳ערד.

— וואָס האָסטו אָגגעצייילט? – האָט דער אָנפּיסיקער גע־פּרעגט און האט זיך מיטן גאנצן קערפּער אַ רוק־אָפּ געטון פון דער פרוי, פונקט ווי איר ענטפער איז אים שוין לכתחילה געווען נישט צום איבערטראָגן.

— פּערצן פּאר קאמאשן, — האט קאַטיושאַ געענפערט, נאָך אַלץ איינגעבויגן, — זעקס אונטערקאָלדרעס, איצט צייל איך אויס די טשיפּקעס ...

— טשיפּקעס! – האָט מאַקאַרענקאָ זיך צעשריען, נישט גע־קאָנט כאַפּן דעם אָטעם און אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג ענלעך אויף אַ געוויין – גאָט האָט מיך, אַפּנים, אָפּגעזוכט, איך זאָל פּאַר אַלעמען אָפּקומען... מענטשן טראגן גאַנצע שטיקער לייוונט, ביי מענטשן איז אַלץ, ווי ביי לייטן, און ביי אונז טשיפּקעס גאָר...

און באמת, דורכן געסעל איז פאַרבייגעלאָפן אַ פרוי מיט אַ פארפלאָמט וואונדערבאַר פּנים. אין איין האנד האָט זי גע־האַלטן אַ הויפן היטלען און אין דער צווייטער — אַ גאַנצן שטיק טוך. מיט אַ גליקלעכן, ווילדן קול האָט זי צעגויפגערופן אירע פאַרפאַלענע קינדער. אַ זיידן קלייד און אַ העל בלוי קאָפּטל האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר פליענדיקן גוף, און זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו מאַקאַרענקאָ, וואָס האָט זיך געקייקלט נאָך איר אין זיין פאָטעל. דער אָנפּיסיקער האָט זי נישט גע־קאָנט אָניאגן, זיינע רעדער האָבן געדונערט, ער האט זיי געדרייט מיט אַלע כוחות, אָבער נישט געקאנט זי דעריאגן.

— מאַדאמעלע, – האָט ער הילכיק געשריען, – אום

גאָטעס ווילן. מאַדאַמעלע, וואו האָט איר גענומען דעם שטאָף?

אָבער די פרוי מיטן פליענדיקן קלייד איז שוין נישט געווען. איר אַנטקעגן איז פון ראָג ארויסגעפלויגן אַ זיך טרייסלענדיקער וואָגן. אין וואָגן איז געשטאַנען אַ דאָרף־יונג, אוסגעצויגן אין זיין גאַנצער גרויס.

— וווהין זענען עס די מענטשן געלאָפען? — האָט דער יונג געפרעגט און אַ מאך געטון מיט די רויטע לייצעס אויף די קליאַטשעס, וואָס זענען געשפרונגען אין זייער געשפאַן.

— אלע זענען אויף סאָבאָרנע, האָט מאַקאַרענקאָ בעטנדיק געזאָגט, — דאָרט זענען אַלע, האַרציקער מענטש דו; וואָס די וועסט נאר האָבן, שלעפ צו מיר, איך קויף אַלץ.

דערהערט וועגן סאָבאָרנע, האָט שוין דער יונג נישט געמאַכט קיין שהיות... ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף פאָרנט און אַ שמייס געטון די געפלעקטע פערד. די פערד האָבן אַ שפרונג געטון, ווי קעלבלעך. אַ דריי־געטון מיט די שמוציקע הינטנס און מיט גרויס אימפעט זיך אַ לאָז געטון פאָראויס. דאָס געלע געסל איז ווייטער געבליבן געל און פוסט: דאמאָלס האָט דער אָנפיסיקער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

— מיך האָט עס דען גאָט אָפגעזוכט, צי וואָס — האט ער אָן אַ פונק לעבען געזאָגט, — בין איך דען אַלעמענס קרבן, צי וואָס...

און מאַקאַרענקאָ האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האנט מיט פלעקן. זיין אַפּאָפּלעקטישע קרעציקע האנד.

— וואס האָסטו דאָרט אין טאָרבע, — האט ער געזאָגט און גענומען דאָס זעקל, וואָס האָט געוואַרימט מיין הארץ.

מיט זיין דיקער האַנט האט דאן דער קאַליקע אַ רודער געטון צווישן די טויבן און האט ארויסגעשלעפט פון דאָרטן אַ העלרויט טייבל. דער פויגל האָט פארווארפן די פיסלעך און אזוי געלעגן ביי אים אויף דער דלאָניע.

— טויבן, — האָט מאקארענקאָ געזאָגט, און, סקריפענדיק מיט די רעדער צוגעפאָרן צו מיר, — טויבן, — האָט ער ווי אַן אומפאַר־

מיידלעכער ווידער־קול איבערגעחזרט און מיר אַ פּאַטש געטון אין באַק אַריין.

ער האָט מיר אַ פּאַטש געטון מיט דער צונויפגעדריקטער דלאָניע, דאָס טייבעלע האָט אַ קראַך געטון ביי מיר אויפן שלייף, קאַטיושעס וואַטאָווער היטן האָט זיך פּלוצים אַ דריי־געטון אין מיינע שוואַרצאַפּלען, און איך בין אין מיין נייעם מאַנטל אַ פאַל געטון אויף דער ערד.

— דעם זאָמען זייערן דאַרף מען אויסראָטן, — האָט קאַ־טיושאַ געזאָגט דאַמאָלס און זיך אויפגעהויבן פון די טשיפּקעס, — אָנקוקן קאָן איך נישט דעם זאָמען זייערן און די שטינקענדיקע מענער זייערע...

זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט וועגן דעם זאָמען אונזערן, אָבער איך האָב שוין מער גאָרנישט געהערט. איך בין געלעגן אויף דער ערד, און דאָס איינגעווייד פון דעם צעקוועטשטן פויגל האָט אַראָפּגערונען פון מיין שלייף. דאָס איינגעווייד האָט גערונען איבער מיינע באַקן, געשלענגלט זיך, באַשפּריצט און פאַרבלענדט מיך. די צאַרטע טויבן־קישקעס האָבן געפּויזעט אויף מיין שטערן, און איך האָב פאַרמאַכט מיין לעצטן נישט פאַר־קלעפּטן אויג, כדי נישט צו זען פאַר זיך די וועלט, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט נעבן מיר, אָט די וועלט איז געווען קליין און שרעקלעך, אַ שטיינדל איז געלעגן פאַר מיינע אויגן, אַ שטיינדל, וואָס איז געווען אויסגעשטשערבעט, ווי אַ פּנים פון אַ זקנה מיט אַ גרויסן קינבאַק. נישט־ווייט האָט זיך געוואַלגערט אַ שטיקל שטריקל, געוואַלגערט זיך אַ בינטל פּעדערן, וואָס האָבן נאָך געאָטעמט. מיין וועלט איז געווען קליין און שרעק־לעך. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען די וועלט, און האָב זיך צוגעדריקט צו דער ערד, וואָס איז געלעגן אונטער מיר שטום און באַרויקט. און די איינגעטראָטענע ערד איז מיט גאָרנישט ענלעך געווען צו אונזער לעבן און צום וואַרטן אויף נסיונות אין אונזער לעבן. ערגעץ־ווייט איז אַי־בער דער ערד געפאָרן דער אומגליק אויף אַ מונטערן פערד, אָבער דער רעש פון די טלאָען איז געוואָרן אַלץ שוואַכער,

באַלד אײנגאַנצן פֿאַרשװוּנדן, און אַ שטיל־שװײַגעניש, אַ ביטערע שטיל־שװײַגעניש, װאָס איבעררײַסט אַמאָל קינדער אין אַן עת־צרה, האָט פּלוצים פֿאַרװישט די גרענעץ צװישן מײַן צאַפּלדיקן גוף און דער פֿאַרגליװערטער ערד. די ערד מײַנע האָט גע־שמעקט מיט פֿײַכטע טיפֿענישן, מיט קבֿר און מיט בלומען. איך האָב דערפֿילט איר ריח און האָב זיך צעװײנט, איצט שױן פֿרײַ פֿון יעדן שרעק. איך בין געגאַנגען איבער אַ פֿרעמדער גאַס, װאָס איז געװען אָנגעשטעלט מיט װײַסע קעסטלעך, געגאַנגען פֿאַרפּוצט אין פֿאַרבלוטיקטע פּעדערן, אײנער אַלײן אין מיטן טראָ־טואַר, װאָס איז געװען אױסגעקערט און רײן, װי אין אַ זונטאָג. איך האָב געװײנט פֿונם פֿולן האַרצן, אַזױ ביטער, אַזױ גליק־לעך געװײנט, װי שױן קײנמאָל נישט מער אין מײַן לעבן.

די װײַס־געװאָרענע דראָטן האָבן געהודזשעט אין דער הױך, אַ רירעװדיק הױף־הינטל איז געלאָפֿן פֿאָרױס, און אין אַ זײַ־טיקן געסל האָט אַ יונגער פֿױער געבראָכן אַ שױב אין כאַריטאָן אפּרתּיס הױז. ער האָט זײ געבראָכן מיט אַ הילצערנעם האַמער, האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיטן גאַנצן קערפּער און האָט געזיפֿצט און נישט אױפֿגעהערט שמײכלען מיטן גוטן שמײכל פֿון שיכּרות, און אײנערלעכער קראַפֿט. די גאַנצע גאַס איז פֿול געװען מיט געבראַזגערײַ און קנאַקערײַ פֿון דעם האָלץ, װאָס האָט זיך צע־פֿליגן אין אַלע זײַטן. דער פֿױער האָט געהאַקט נאָר כּדי אײַנ־צובױגן זיך, װערן פֿאַרשװיצט און אױסצושרײַען די אױסערגע־װײנלעכע װערטער אױף אַ אױסטערלישער נישט־רוסישער שפּראַך. ער האָט זײ אױסגעשריען און אױסגעזונגען און שטאַרק געגלאַנצט מיט זײַנע העל־בלױע אױגן, ביז אױף דער גאַס האָט זיך נישט באַװיזן די הײליקע פּראָצעסיע, װאָס איז געגאַנגען פֿון שטאָט־ראַט. אַלטע לײַט מיט געפֿאַרבטע בערד האָבן געטראָגן דאָס בילד פֿון דעם פֿאַרקעמטן קיסר, פֿענער מיט אױסגעמאָלטע הײליקע פּנימער, האָבן געפֿלאַטערט איבער די קעפּ פֿון דער פּראָצעסיע און צעפֿלאַמטע זקנות זענען געפֿלױגן פֿאָרױס, נישט צום אײַנ־האַלטן זײ. דער פֿױער אין װעסטל האָט דערזען די פּראָצעסיע, צוגעדריקט זײַן האַמער צום האַרצן און האָט זיך געלאָזט נאָך

די פענער. איך האָב אויסגעוואַרט ביז די פּראַצעסיע איז פאַר־בייגעגאַנגען און בין אַדורך צו אונזער שטוב. זי איז פּוסט געוועזן, אונזער שטוב. די ווייסע טירן זענען געווען צעפּראַלט, און דאָס גראָז ביים טויבנ־שלאַק־צעטראָטן. קוזמאַ אַליין איז געבליבן אין הויף. קוזמאַ, דער הויז־וועכטער, איז געזעסן אין קאַמער ביי שואלס טויטן קערפּער און זיך געפּאָרעט ביים מת.

— דער ווינט טראָגט זיך אַרום, ווי אַ שלעכט שפּענדל, — האָט דער אַלטער געזאָגט, ווען ער האָט מיך דערזען, — אַנטלאָפן אויף אַ גאַנצער אייביקייט... זעסט, ווי דער עולם האָט דאָ דעם ייִדן אונזערן דערלאַנגט...

קוזמאַ האָט זיך פאַרסאָפּעט, זיך אָפּגעקערט און גענומען שלעפּן פון אַ לאָך אין דעם אַלטנס הויזן אַ פיש, אַ צאַנדער. צוויי פיש, צוויי צאַנדערן זענען געווען אַריינגעשטעקט אין דעם אַלטן. איינער אין לאָך פון זיינע הויזן, דער צווייטער צו אים אין מויל אַריין. דער אַלטער איז געווען טויט, אָבער איין פיש האָט נאָך געלעבט און געוואָרפן זיך.

— דעם ייִדן אונזערן האָט מען דערלאַנגט, מער קיינעם נישט, — האָט קוזמאַ געזאָגט און אַ וואָרף־געטון די פיש פאַר דער קאַץ, — ער האָט דעם גאַנצן עולם שטאַרק געזידלט, און טאַטנס־טאַטן אַריין זיי געזאָגט. אַלעמען אַ גוטן חלק אַריינגעטיילט, אַזאַ ווילער געווען... — דו וואָלסט אפשר אַ פּאָר צענער ערגעץ געקריגן, אים אויף די אויגן אַרויפצולייגן.

אָבער דאַמאָלס בין איך אַלט געווען צען יאָר און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אויף וואָס דאַרפן דאָס טויטע מענטשן האָבן צענערס.

— קוזמאַ, האָב איך שטיל געזאָגט, — ראַטעווע אונז...

און איך בין צוגעגאַנגען צום הויז־וועכטער, אַרומגענומען זיין אַלטע קרומע פּלייצע מיט איין אויפגעהויבענעם אַקסל און פון איבער דער ליבער פּלייצע דערזען שואלן. ער איז געלעגן אויפן זעגצעך, מיט אַ צעקוועטשטן ברוסט־קאַסטן, מיט אַן אַרויפגעריסענער באָרד, מיט גראָבע שיך אויף די באָרוועסע פיס. די צעשפּרייטע פיס זיינע זענען געווען שמוציק, בלוילעך און

טויט. קוזמאַ האָט זיך געפּאָרעט אַרום זיי, שפּעטער האָט ער אונטערגעבונדן דעם טויטן זיינע קין־באַקן און זיך אַליין פאַר־געבומען, וואָס אַזוינס נאָך צו טון מיטן מת. ער האָט זיך גע־רעשט, פּונקט ווי ער האָט אַריינגעבראַכט עפּעס אַ נייע זאַך צו זיך אין שטוב אַריין, און האָט זיך באַרויקט ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט צעקעמט דעם מת זיין באָרד.

— אַלעמען אַריינגעטיילט אַ חלק — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל און מיט גרויס ליבע בעטראַכט דעם טויטן קערפּער, — ווען ער וואָלט אָנגעטראָפן אויף טאָטערן, וואָלט ער זיי גע־וויס געווען דורכגעטריבן, אָבער דאָ זענען רוסישע צוגעקומען, און מיט זיי נאָך פּרויען, קאַצאַפּקעס; און קאַצאַפּעס זענען קיינ־מאָל נישט מוחל קיין באַליידיקונג, איך קען זיי, די קאַצאַפּעס...

דער הויז־וועכטער האָט צוגעשאָטן דעם בר־מינן נאָך אַביסל זעגעכץ, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טעסלער־פאַרטוך און אָנגענומען מיך פאַר דער האַנט.

— קום צום טאַטן, — האָט ער אַ מורמל געטון, און מיך צוגעדריקט צו זיך אַליין שטאַרקער און שטאַרקער, — דער טאַטע זוכט דיך אַרום פון איינדערפרי אָן, ער קאָן נאָך אויסגיין אַזוי...

און צוזאַמען מיט קוזמאַן זענען מיר אַוועק צו דעם הויז פון דעם שטייער־אינספּעקטאָר. דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן מיי־נע עלטערן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּאָגראָם.

די ערשטע ליבע

איך בין אַלט געווען צען יאָר, ווען איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ פרוי מיטן נאָמען גאַלינאַ אַפּאָלאָנאָוונא. דער ביינאָמען אירער איז געווען רובצאָווע. איר מאַן, אַן אָפיציר, איז אַוועקגעפאָרן אויף דער יאַפּאָנישער מלחמה און האָט זיך אומגעקערט פון דאָרטן אין חודש אָקטאָבער טויזנט נײַנהונדערט פינפטן יאָר. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך קאַסטנס. אין די קאַסטנס זענען געלעגן כינעזישע זאַכן: שפּאַנישע ווענטלעך, קאָסטבאַר געווער, אַרום און אַרום אַ פּוד דרייסיק. קוזמאַ האָט אונז דערציילט, אַז רובצאָוו האָט די זאַכן אײַנגעקויפט פאַר געלט, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דעם מיליטער־דינסט, און דער אינזשינערן־פאַרוואַלטונג פון דער מאַנדזשורער אַרמיי. נישט נאָר קוזמא, אויך אַנדערע מענטשן האָבן געטענהט דאָס זעלבע. מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין באַרעדן זיי, ווייל זיי זענען געווען גליקלעך. רובצאָווס שטוב האָט געגרעניצט מיט אונזער ממשלה, און די גלעזערנע טעראַסע זייערע האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון אונזער באָדן, אָבער דער פאָטער האָט זיך מיט זיי דערפאַר נישט געקריגט. רובצאָוון, דעם שטייערן־אינספּעקטאָר, האָט מען ביי אונז אין שטאָט געהאַלטן פאַר אַ מענטש מיט יושר. ער פלעגט זיך חברן מיט יידן. און ווען דעם אַלטנס זון,

דער אָפּיציר, האָט זיך צוריקגעקערט פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, האָבן מיר אַלע דערזען, וואָס פאַר אַ שלום־בית און גליקלעך לעבן עס איז ביי זיי אַוועק. גאַלינא אַפּאָלאָנאָוונא האָט גאַנצענע טעג געהאַלטן איר מאַן פאַר די הענט, זי האָט פון אים קיין אויג גישט אַראָפּגענומען, ווייל זי האָט שוין אים נישט געזען קיין אַנדערטהאַלבן יאָר, אָבער איך האָב זיך געשראָקן פאַר איר קוק, און, איינגאַנצן אַ פאַרצאַפּלטער, האָב איך געהאַלטן אין איין אָפּקערן זיך פון אים. אין אירע יובלדיקע אויגן האָב איך געזען דעם וואונדערבאַר־שענדליכן לעבן פון אַלע מענטשן אויף דער ערד, און מיר האָט זיך געגלוסט אַנטשלאָפן ווערן מיט אַן אויסערגעווענלעכן שלאָף, כדי צו פאַרגעסן וועגן דעם לעבן, וואָס שטייגט איבער אַלע טרוימען. גאַלינאַ אַפּאָלאָ־נאָוונאַ פלעגט, געוויינלעך, אַרומשפּאַצירן איבער די צימערן מיט אַ צעלאָזטן צאָפּ, אין רויטע שיך און אין אַ כינעזישן שלאַפראָק. איר העמד איז געווען שטאַרק אויסגעשניטן, און פון אונטער די העמד־שציפּן האָט זיך אַרויסגעזען דער אָנהויב פון אירע ווייסע אָנגעבלאָזענע בריסטן, וואָס זענען געווען אַראָפּגעקוועטשט אַראָפּ צו, און אויפן שלאַפראָק זענען מיט ראָזע זיידענע פעדים אויס־געניייט געוועזן דראַקאָנען, פייגל און אויסגעהוילטע בוימער.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט מיט אַ פוסטן שמייכל אויף אירע נאַסע ליפּן און זיך אָנגעשטויסן אָן די פאַר־פּאַקטע קאַסטנס און אָן די גימנאַסטישע לייטערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. גאַלינאַ פלעגט זיך אָפּקלאַפּן, אויפהויבן איר שלאַפראָק העכער פון די קני און זאָגן צום מאַן:

— גיב אַ קוש די וואווע...

און דער אָפּיציר פלעגט איינבויגן זיינע לאַנגע פיס אין די ענגע הוזאַרן־הויזן און אין די שמאָלע לאַקירטע שטיוול מיט די שפּאָרן און אויף די קני זיך שטעלן אויפן שמוציקן ברוק.

ער איז געקראָכן אויף די קני און האָט געקושט דאָס אָפּגעקלאַפּטע אָרט, דאָרט וואו עס איז געווען אַ פאַלד פון דעם זאָקן־בענדל. איך האָב די קושערייען געזען פון מיין פענסטער און איך האָב שטאַרק געליטן פון זיי. ווילדע פאַנטאַסטישע

אויסדאַכטעניִשן האָבן מיך געמאַטערט, אָבער וועגן דעם איז נישט כּדאַי צו רעדן, ווייל די ליבע און די אײפערזוכט פון צעניאָריקע ייִנגלעך איז ענלעך צו דער ליבע און אײפערזוכט פון דערוואַקסענע מענער. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס ביי קינדער זענען אָט די געפילן געהויבענער, געהיימער און הייסער. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד בין איך נישט צוגעגאַנגען צום פענסטער און אויסגעמיטן גאַל׳נען, ביז אַ צופאַל האָט מיך נישט צונויפגעפירט מיט איר. דער צופאַל איז געווען דער יידישער פּאָגראָם, וואָס האָט זיך אין פיפטן יאָר צעבושעוועט אין ניקאָלאַיעוו און אויך אין אַנדערע שטעט פון דעם יידישן תחום. אַ המון פון געדונגענע מערדער האָט צעראַבירט מיין פאָטערס געוועלב און דערהרגעט מיין פעטער שאולן. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אָן מיר, ווייל איך האָב אין דעם טרויעריקן פרימאָרגן געקויפט טויבן ביים יעגער איוואַן ניקאָדימיטשין. פינף יאָר פון מיינע דורכגעלעבטע צען, האָב איך מיטן גאַנצן כּוח פון מיין נשמה געטרוימט וועגן טויבן, און ווען איך האָב זיי שוין לסוף איינגעהאַנדלט, האָט דער קאַלעקע מאַקאַרענקאָ צעקלאַפּט די טויבן ביי מיר אויף די שלייפן. קוזמאַ האָט מיך דאַמאָלס אָפּגעפירט צו רובצאָוון. אויף רובצאָווס פאָרטקע איז מיט קרייד געווען אויסגעמאָלט אַ צלם. מען האָט זיי נישט געטשעפּעט, און זיי האָבן באַהאַלטן ביי זיך מיינע עלטערן. קוזמא האָט מיך געבראַכט צופירן אויף דער גלעזערנער טעראַסע. דאָרט איז געזעסן די מוטער אין אַ גרינער ראָטאָנדע און גאַלינאַ.

— מיר דאַרפן זיך איינוואַשן, — האָט גאַלינאַ צו מיר געזאָגט, — מיר דאַרפן זיך איינוואַשן, קלײנינקער רב מיינער... דאָס פּנים איז ביי אונז אין פעדערן, און די פעדערן זענען אין בלוט...

זי האָט מיך אַרומגענומען און געלאָזט זיך מיט מיר איבערן קאָרידאָר, וואָס איז געווען פול מיט עפּעס אַ שאַרפן ריח. מיין קאָפּ איז געלעגן אויף גאַלינעס זייט, און די זייט אירע האָט זיך באַוועגט און געאָטעמט. מיר זענען געקומען אין קיך, און רובצאָוואַ האָט אונטערגעשטעלט מיין קאָפּ אונטערן וואַסער־קראַן.

אַ גרויסע גאַנז האָט זיך געבראָטן אויף דער קאַפעלנער קיך. בלישטשענדיק געפּעס איז געווען צעהאָנגען אויף די ווענט, און נעבן דעם געפּעס, אין דעם דינסט־ווינקל, איז געהאָנגען דער קיסר ניקאָלאַי, אַ פּאַרפּוצטער מיט פּאַפּירענע בלומען. גאַלינא האָט אָפּגעוואַשן די רעשטלעך פון דער טויב, וואָס זענען צוגע־טרוקנט געוואָרן צו מיינע באַקן.

— ווען זיין אַ חתן, מיין קראַסאַווטשיקל, — האָט זי געזאָגט, מיך אַ קוש געטון אין די ליפּן מיט איר אָנגעשוואָלע־נעם מויל און האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר.

— קליינינקער רב מיינער, — האָט זי פּלוצלינג שטיל געזאָגט, — זעסטו, דיין טאַטע האָט גרויסע יסורים, אַ גאַנצן טאָג דרייט ער זיך אַרום אין די גאַסן, גיב אים אַ רוף, דעם טאַטן, אַהיים...

און איך האָב דורכן פענסטער דערזען די פּוסטע גאַס מיטן ריזיקן הימל אין דער הויך, דערזען מיין געלן פאָטער, וואָס איז געגאַנגען אין מיטן פון דער גאַס. ער איז געגאנגען אָן א היטל, זיינע שיטערע געלע האָר האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און די פּאַפּירענע מאַנישקע זיינע האָט זיך פּארדרייט אין א זייט. די מאנישקע איז עפּעס יאָ געווען צוגעקנעפּלט אויף א קנעפל, אָבער נישט אויף דעם, וואָס מען האָט באדארפט. דער ארבעטער װלאסאָוו, דער שיכּור, אין די זעלנערישע וואטאָווע שמאטעס, איז נאָכגעגאנגען דעם פאטער טריט ביי טריט.

— באבעל, — האָט ער גערעדט מיט א הארציק הייזעריק קול און מיט ביידע הענט זיך יעדע ווײַלע ווייך צוגערירט צו מיין פאָטער, — מיר דארפן נישט האָבן קיין פרייהייט, אז די זשידעס זאָלן קאָנען פריי האנדלען... דו דערלאנג דעם ארבע־טנדיקן מענטש די ליכטיקייט פון לעבן פאר זיין מי, פאר אָט דער שרעקלעכער ריזיקייט זיינער... דערלאנג אים, ברודער, דו הערסט, דערלאנג...

דער ארבעטער האָט זיך וועגן עפּעס געבעטן ביים פאָטער און געהאלטן אין איין צורירן זיך צו אים. פאסן פון ריינער

שיכורער באַגייסטערונג האָבן זיך געביטן אויף זיין פּנים מיט אַ מרה־שחורהדיקייט, און אַ שלעפעריקייט.

— צו אַ מאַלאָקאַן *) דאַרף זיין געגליכן אונזער לעבן, — האָט ער געמורמלט און בשעת מעשה זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, — ווי אַ מאַלאָקאַן דאַרף זיין אונזער לעבן, אָבער אָן דעם גאָט, דעם אַלטגלויביקן, פון אים האָבן נאָר יידן אַ בוך, און ווייטער קיינער נישט...

און וואָלאָסאָוו האָט זיך ווילד און אויסער זיך צעשריגן וועגן דעם אַלטגלויביקן גאָט וואָס איז זיך נאָר אויף יידן מרחם, וואָלאָסאָוו האָט געוואַלדעוועט, זיך פאַרטשעפּעט מיט די פיס און נאָכגעיאָגט דעם אומבאַקאַנטן גאָט זיינעם, אָבער אין דער מינוט האָט אַ רייטער־אָפּטיילונג פון קאָזאַקן איבערגעשניטן אים דעם וועג. אַן אָפיציר מיט אַרויפגעלייגטע פאַסן אויף די הויזן, אין אַ זילבערנעם יום־טובדיקן גאַרטל, איז געפאָרן בראש פון דער אָפּטיילונג. אויף זיין קאָפּ איז געווען אַוועקגעשטעלט אַ הויכער קאַרטוז, דער אָפיציר איז געפאָרן לאַנגזאַם און האָט זיך נישט אַרומגעקוקט אין די זייטן, ער איז געפאָרן פּונקט ווי מען פאָרט אין אַ באַרג־שפּאַלט, דאָרט וואו מען קאָן קוקן נאָר פאָרויס.

— קאַפּיטאַן, — האָט שטיל געזאָגט דער פאָטער, ווי נאָר דער קאָזאַק האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים — קאַפּיטאַן, — האָט דער פאָטער געזאָגט, איינגעקאָרטשעט זיין קאָפּ און זיך געשטעלט מיט די קני אין דער בלאָטע אַריין.

— צו אייער דינסט, — האָט דער אָפיציר געזאָגט, צוגע־טראָגן זיין האַנט אין דער העל־געלער הענטשקע צום דאַשיק און האָט נאָך אַלץ ווי פריער, געקוקט פאָרויס.

פאָרויס, אויפן ראָג פון דער ריבנער גאַס, האָבן באַנדיטן געראַבירט אונזער געוועלב און אַרויסגעשליידערט פון דאָרטן קאַסטנס מיט טשוועקעס, מאַשינען און מיין נייעם פאָרטרעט אין די גימנאַזיסטישע מלבושים.

---

*) אַ רוסישע סעקטע.

— אָט — האָט דער פֿאָטער געזאָגט און נאָך אַלץ זיך נישט אויפֿגעהויבן פֿון די קני, — זיי פֿאַרניכטן אונזער בלוטיק האָב און גוטס, קאַפּיטאַן, פּאַרוואָס...

— איך הער, — האָט דער אָפֿיציר אַ מורמל געטון, צוגעלייגט די העל־געלע הענטשקע צום דאַשיק, און אַ ריר געטון די לייצע, אָבער דאָס פֿערד איז געבליבן שטיין. דער פֿאָטער האָט געפּויזעט נעבן פֿערד אויף די קני, צוגעטוליעט זיך צו די קורצע, גוטע, אַ ביסל צעשויבערטע פּיס פֿונם פֿערד און צו דער דיקער, געדולדיקער, האָריקער מאָרדע זייגער.

— איך הער, — האָט דער קאַפּיטאַן איבערגעחזרט, אַ צין געטון די לייצע און איז אַוועקגעפֿאָרן, נאָך אים האָבן געריירט די קאָזאַקן. זיי זענען געזעסן קאַלטע אויף זייערע הויכע זאָטלען זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז זיי פֿאָרן אין זייערן אַ באַרג־שפּאַלט, זיי האָבן זיך פֿאַרקערעוועט אויף דער סאָבאָרנער גאַס, און זענען פֿאַרשוווּנדן.

דאַמאָלס האָט מיך גאַלינא ווייטער צוגעשטופּט צום פֿענסטער.

— גיב אַ רוף דעם טאַטן אַ היים, האָט זי געזאָגט, — ער האָט פֿון אינדערפֿרי אָן גאָרנישט געגעסן.

און איך האָב זיך אַרויסגערוקט פֿון דעם פֿענסטער.

— טאַטע — האָב איך געזאָגט.

דער פֿאָטער האָט דערהערט מיין קול און זיך אויסגעדרייט צו מיר.

— זונעלע מיינס, — האָט ער מיט אַן אויסערגעוויינלעכער צאַרטקייט גענומען שטאַמלען און האָט דערביי אַזש געציטערט פֿון גרויס ליבע צו מיר. צוזאַמען מיט אים זענען מיר אַוועק אויף רובצאָווס טעראַסע. דאָרט איז געלעגן מיין מוטער אין אַ גרינער ראָטאָנדע, נעבן איר בעט האָבן זיך געוואַלגערט גימנאַסטישע מכשירים.

— פֿאַרשיוועג גראָשנס, — האָט מיט די ווערטער אונדז באַגעגנט מיין מוטער, — אַ מענטשנס לעבן און די קינדער און דעם אומגליקלעכן מזל אונזערן, אַלץ האָסטו זיי אַוועקגעגאַן.

פאַרשיווע גראָשנס, האָט זי עפּעס גאָרנישט מיט איר קול אַ געשריי געטון, אַ געשריי געטון הייזעריק און גראָב, זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און איז געבליבן שטיל.

און דאַמאָלס האָט זיך אין דער שטילקייט דערהערט מיין שלוקערצן. איך בין געשטאַנען ביי דער וואַנט אין דעם אָנגערוקטן קאַרטוז און בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן מיין שלוקערצן.

— נישט שיין אַזוי, מיין קראַסאַווטשיקל, — האָט גאַלינאַ אַ שמייכל געטון מיט איר גרינגשעצנדיקן שמייכל און האָט מיך אַ פּאַטש געטון מיט דער האַרטער פּאָלע פון איר שלאַפראָק. זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער אין אירע רויטע שיך, און האָט אָנ־געהויבן אַרויפצוהענגען כינעזישע פאָרהענגלעך אויף דעם אויס־טערלישן געזימס פון דעם פענסטער. אירע אַנטבלויזטע הענט האָבן זיך געבאָדן אין זייד, איר לעבעדיקער צאָפּ האָט זיך באַוועגט אויף איר זייט, און איך האָב געקוקט אויף איר מיט התפעלות.

איך בין געווען אַ געלערנט, נערוועז יינגל און כ׳האָב געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ ווייטער שטאַרק באַלויכטענער סצענע.

און באַלד האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך בין מיראָן דער זון פון דעם קוילן־הענדלער, וואָס האַנדלט אויף אונזער ראָג, איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך בין אין דעם יידישן זעלבסט־שוץ אַון, אַזוי ווי מיראָן, גיי איך אַרום אין צעריסענע שיך, וואָס זענען אונטערגעבונדן מיט אַ שטריק. אויפן אַקסל ביי מיר הענגט אויף אַ גרין שנירל אַ געפּטרטע ביקס, איך שטיי אויף די קני ביי אַ הילצערנעם פּלויט און פאַרטיידיק זיך, און שיס אויף די מערדער. פון יענער זייט פּלויט ציט זיך אַ פּוסטקע, דאָרטן וואַלגערן זיך הרודעס פאַרשטויבטע קוילן, מיין געפּטרטע ביקס שיסט שלעכט, די מערדער מיט בערד און מיט ווייסע ציין, רוקן זיך אַלץ נענטער און נענטער צו מיר; איך לעב איבער אַ שטאָלץ געפיל פון אַ נאָענטן טויט, און זע אין דער הויך, אין דער וועלט־בלויקייט, גאַלינען. איך זע אַ שיס־פענסטער, וואָס איז אויסגעהאַקט אין דער וואַנט פון אַ ריזיק הויז, דאָס

הויז איז צונויפגעשטעלט פון אָן אַ שיעור ציגל. אָט דאָס פּור־פּור־הויז קוועטשט איין דאָס געסל, וואָס די גרויע ערד איז אין אים שלעכט איינגעטראָטן, און אין דעם העכסטן שיס־פענסטער פונם הויז שטייט גאַלינאַ. עפּעס אַ מין ווייטערדיקע אומברחמנות־דיקע פריילעכקייט האָט פאַרויטלט איר פּנים און זי זעט אויס, ווי אַ רייך מיידל אויף אַ גליטש־אָרט. מיט איר גרינג־שעצנדן שמייכל שמייכלט זי פון דעם נישט דערגרייכבאַרן פענסטער אַרויס, און איר מאַן, דער אָפיציר, וואָס איז האַלב אָנגעטון, שטייט ביי איר הינטער דער פּלייצע און קושט זי אין האַלז...

דאָס אַלץ האָב איך זיך פאָרגעשטעלט בשעת איך האָב געפּרוווט איינהאַלטן מיין שלוקערץ, פאָרגעשטעלט זיך, כּדי נאָך ביטערער, נאָך הייסער ליב צו האָבן רובצאָוון און, אפשר, אויך דערפאַר, וואָס ביי אַ צען יאָריקן מענטש איז נישט גרויס די מאָס פון זיין צער. די נאַרישע טרוימען האָבן אַוועקגעטריבן ווייט פון מיר דעם טויט פון די טויבן און פון שאולן, איך האָב שוין געהאַלטן כּמעט ביי פאַרגעסן וועגן זיי, אָבער אין דער מינוט איז אויף דער טעראַסע אַרויף קוזמאַ און מיט אים אַבע, דער שרעקלעכער ייד.

עס איז שוין געווען בין־השמשות, ווען זיי זענען געקומען אויף דער טעראַסע האָט געברענט אַ טונקעלער אויסגעקרומטער לאָמפּ, און דער שיין אין דעם לאָמפּ, אין אָט דעם פּיבערהאַפטן חבר פון אַלע אומגליקן, האָט געהאַלטן אין איין טוקן זיך.

– איך האָב דעם אַלטן אָפּגעטון זיין רעכט, — האָט געזאָגט קוזמאַ ביים אַריינגאַנג, איצט ליגן זיי פיינע ביז גאָר,– און אָט האָב איך דעם שמש אויך געבראַכט. זאָל ער דאָרט עפּעס אָפּזאָגן ביים אַלטן...

און קוזמאַ האָט אָנגעוויזן אויף דעם אומעטיקן אַבע.

– זאָל ער אַ ביסל אַ ברום טון, – האָט דער הויז־וועכ־טער פריינטלעך געזאָגט, — אַ שמש דאַרף מען נאָר די קישקע אָנשטאָפּן — וועט ער שוין אַ גאַנצע נאַכט דערקוטשען גאָט...

ער איז געשטאַנען אויפן שוועל — קוזמאַ — און ער האָט געווענדט אין אַלע זייטן די גוטע צעהאַקטע נאָז זיינע.

ער האָט געוואָלט ווי מעגלעך האַרציקער דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט אונטערגעבונדן ביים טויטן די קינבאַקן, אָבער דער פאָטער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך בעט אייך, רב אַבע, זאָגט אַ ביסל תּהלים ביים נפטר, איך וועל אייך באַצאָלן...

— און איך האָב מורא, אַז איר וועט מיר נישט באַצאָלן, — האָט אַבע געענטפערט מיט אַן אומעטיק קול און אַוועקגעלייגט אויפן טישטוך זיין הכנעהדיק פּנים מיט דער באָרד, — און איך האָב מורא, אַז איר וועט צונעמען מיין קערבל, אַז איר וועט אַוועקפאָרן מיט אים אין אַרגענטינע, אין בוענאָס־איירעס און דאָרט וועט איר עפּענען אַ הורט־געשעפט אויף מיין קערבל... אַ הורט־געשעפט, — האָט אַבע געזאָגט, אַ ביסל אַ קיי געטון מיט זיינע הכנעהדיקע ליפּן און אַ צי־געטון צו זיך די צייטונג „דער זון פון פאָטערלאַנד”, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. אין דער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט דעם קיסרס מאַניפעסט פון דעם 17 אָקטאָבער און וועגן פרייהייט.

„...בירגער פון דעם פרייען רוסלאַנד, — האָט אַבע גע־לייענט די צייטונג זינגענדיק, נאָך זילב, ער האָט אָנגעשטופּט אַ פול מויל מיט זיין באָרד און נישט אויפגעהערט צו קייען זי בשעתן לייענען, — בירגער פון פרייען רוסלאַנד, מזל־טוב אייך מיטן ליכטיקן אויסלייזונגס־טאָג”...

די צייטונג איז געשטאַנען מיט אַ זייט צום אַלטן שמש, ער האָט זי געלייענט שלעפעריק, מיט אַ ניגון און מאָדנע געשטעלט דעם טראָפּ אויף די פרעמדע פאַר אים רוסישע ווער־טער. זיין אַרט לייענען האָט דערמאָנט אין דער שטומער שפּראַך פון אַ נעגער, וואָס קומט ערשט אָן גלייך פון זיין לאַנד, אין אַ רוסישן האַפן אַריין, ער האָט אַפילו מיין מוטער געמאַכט לאַכעדיק.

— איך זינדיק, — האָט זי אויסגעשריגן און אַרויסגערוקט איר קאָפּ פון דער ראָטאָנדע, — איך לאַך, אַבע... זאָגט בעסער וואָס מאַכט איר און די משפּחה אייערע?

— פרעגט מיך וועגן עפּעס אַנדערש, — האָט אַ בורטשע

געטון אַבע, אַרויסגעלאָזט די באָרד פון די ציין און ווייטער געגומען לייענען די ציטונג.

— פרעג אים וועגן עפּעס אַנדערש, — האָט דער פּאָטער נאָכגעזאָגט אַבען און איז אַרויס אין מיטן צימער. זיינע אויגן, וואָס האָבן פול מיט טרערן געשמייכלט צו אונז, האָבן זיך פּלוצים אַ דריי געטון אין זייערע אויגן-לעכער און זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס וואָס קיינער האָט חוץ אים נישט געזען.

— אוי, שאול, — האָט דער פּאָטער זיך אָנגערופן מיט אַ גלייך, פאַלש קול, אוי, שאול, טייערער מענטש דו...

דעם פּאָטערס פּנים, וואָס איז געווען שטאַרק צעקרימט, האָט זיך מיט נצחון צעפּראַלט. און ער האָט זיך געגרייט צו שרייען, ווי עס שרייען יידישע אלמנות אויף לויות, אָדער זקנות פון מאַראָקאָ, בשעת עס טרעפט זיי אַן אומגליק. טיר האָבן געזען, אַז זיין געשריי וועט זיין שרעקלעך, און די מוטער איז די ערשטע אַרויס.

— מאַנוס, האָט זי זיך צעשריגן, פּלוצים אויפגעשפּרונגען און געגומען רייסן פון דעם פּאָטער די הויט, — קוק, ווי אונזער קינד איז נישט גוט, פאַרוואָס הערסט דו נישט, ווי ער שלוקערצט, פאַרוואָס איז דאָס, מאַנוס?

און דער פּאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע גוססדיקע אויגן זענען אַרומגעקרייזט געוואָרן מיט טרערן.

— רחל, — האָט ער געזאָגט מיט שרעק, — איך קאָן דיר נישט איבערגעבן, ווי עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ אויף שאולן...

ער איז אַוועק אין קיך און געקומען פון דאָרטן מיט אַ גלאָז וואַסער.

— טרינק, אַרטיסט, — איז אבע צוגעגאַנגען צו מיר. — טרינק דאָס וואַסער, וואָס וועט דיר העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס...

און ווירקלעך, דאָס וואַסער האָט מיר נישט געהאָלפן, איך האָב געשלוקערצט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַ געבריל האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין האַרץ, און אַ געשווילעכץ, אַן

אַנגענומע געשווילעכץ איז אויפגעגאַנגען ביי מיר אין האַלז. דאָס געשווילעכץ האָט געעטעמט, געבלעזלט זיך, אינגאַנצן פאַרדעקט מיין שלינג־קעפל. און אין דעם געשווילעכץ האָט געברויזט מיין צעריסענער אָטעם, געברויזט, ווי פאַרזאָדן וואַסער. און צו נאכט צו בין איך שוין נישט געווען דאָס יינגל מיט די גרויסע אויערן פון מיין גאַנץ פריערדיקן לעבן, נייערט אַן אומרויקער קנויל, וואָס האָט זיך געוואָרפן און וואָס האָט געבראָכן מיט דער גרינער גאַל. דאַמאָלסט האָט מיין מוטער זיך איינגעהילט אין אַ שאַל, מיטאַמאָל געוואָרן העכער און שלאַנקער און זי איז צוגעגאַנגען צו רובצאָוואַן, וואָס איז געשטאַנען נישט טויט נישט לעבעדיק.

— ליבע גאלינא, — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ זינגענדיק שטאַרק קול, — ווי מיר באַמיען אייך און די ליבע נאַדעזשדא איוואַנאָוונאַ און אַלע אַייערע... ווי מיר איז נישט אַנגענעם, ליבע גאלינא.

די באַקן ביי מיין מוטער האָבן געפלאַמט, זי האָט געשטופּט גאַלינען צום אַרויסגאַנג צו. שפּעטער האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו מיר, און אַריינגעשטעקט מיר אין מויל אַריין איר שאַל, כּדי צו דערשטיקן מיין קרעכץ.

— האַלט זיך אַיין, זונעניו, — האָט די מוטער שטיל גערעדט, — האַלט זיך איין, מיין אָרימער באַבעל, האַלט זיך איין דער מאַמען צוליב...

אָבער ווען איך וואָלט אפילו געקאָנט זיך איינהאַלטן, וואָלט איך עס אויך נישט געטון, ווייל איך האָב זיך שוין מער נישט געשעמט. איך האָב זיך געוואָרפן אויפן בעט, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און דאָך נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון גאלינען און זיך געקוויקט מיט דער עקלהאַפטער מאַכט מיינער, וואָס איך האָב באקומען אין יענעם מאָמענט אויף איר גרויסן וואונדערבארן קערפּער. די שרעק האט צעשרויפט און איינגעקאָרטשעט די פרוי, און איך האב געברילט גלייך איר אין פּנים אריין, כּדי צו פארלענגערן מיין מאכט. איך האָב געשלוכצט, טריומפירט און, אינגאנצן אן כּחות, מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען

פון מיין ליבע, האב איך געגרעבצט נעבן איר מיט אַ גרינ־וואסער, וואס איז געגאנגען פון מיין הארצן ארויס.

אזוי האט זיך אָגעהויבן מיין קרענק. איך בין דאמאָלסט אלט געווען צען יאָר. אויף אין דער פרי האָט מען מיך אוועקגעפירט צום דאָקטאָר. דער פּאָגראָם האָט נאָך געדויערט, אָבער מען האָט אונז נישט געטשעפּעט. דער דאָקטאָר, אַ דיקער מענטש האָט ביי מיר אָנערקענט אַ נערוון־קרענק.

— די קרענק, — האָט ער געזאָגט, — טרעפט זיך נאָר ביי יידן, און צווישן יידן מאַכט זי זיך נאָר ביי פרויען.

דעריבער האָט זיך דער דאָקטאָר פאַרחידושט, וואָס איך בין קראַנק געוואָרן אויף דער מאָדנער קרענק. ער האָט געהייסן וואָס גיכער פאָרן קיין אָדעס צו פראָפעסאָרן און דאָרט אויסווארטן אויף די וואַרעמע טעג און אויף די ים־בעדער.

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטון. אין אַ פאָר טעג אַרום בין איך אַרויסגעפאָרן מיט דער מוטער קיין אָדעס צום זיידן לוי־יצחק און דעם פעטער סימאָן. מור זענען אַרויסגעפאָרן אין דער פרי אויף אַ שיף, און שוין בייטאָג האָבן מיר אָנשטאָט די ברוינע וואַסערן פון בוג דערזען די שווערע גרינע ים־כוואַליע. פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן ביים משוגענעם זיידן לוי־יצחק. און איך האָב זיך אויף שטענדיק געזעגנט מיט ניקאָלאַיעוו, ווו עס זענען דורכגעגאַנגען מיינע צען קינדער־יאָרן. און איצט, ווען איך דערמאָן זיך וועגן די טרויעריקע יאָרן, געפין איך אין זיי דעם אָנהויב פון אַלע קרענק, וואָס מאַטערן מיך, און אויך די סיבות פון מיין פריצייטיקער שרעקלעכער פאַרוועלקונג.

דער „קיניג"

עס איז געווען באַלד נאָך דער חופּה, דער רב האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ווייכן שטול, שפּעטער איז ער אַרויס פון צימער און דערזען די טישן, וואָס זענען געווען צעשטעלט איבער דער גאַנצער לענג פון הויף. אַזוי פיל טישן זענען געווען גע־גרייט, אַז זיי האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע עקן אויף יענער זייט טויער, אויף דער האָספּיטאַל־גאַס. די טישן געדעקט מיט סאַמעט, האָבן זיך געשלענגלט, ווי שלענג, וואָס מען האָט אויף זייערע בייכער ארויפגעלייגט לאַטעס פון אַלערליי קאָלירן. און די לאַ־טעס פון אָראַנזש־פאַרביקן און רויטן סאַמעט האָבן געזונגען מיט געדיכטע שטימען.

דירות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרען אין קיכן. דורך ד פאַררויכערטע טירן האָט געשלאָגן אַ פעטער פלאַם, אַ שיכורער און געשוואָלענער פלאַם. אין זיינע רויכיקע שטראַלן האָבן זיך געבאַקט זקנישע פּנימער, ווייבערשע ציטערנדיקע גוידערס, פאַר־שמאָלצעוועטע ברוסטן. אַ שווייס, וואָס איז געווען ראָז, ווי בלוט, ראָז ווי די פּינע פון אַ משוגענעם הונט, האָט גערונען איבער די פאַלדן פון צעוואַקסענעם זיס־שטינקענדיקן מענטשישן פלייש. דריי סאַרווערינס, חוץ מיטהעלפערינס, האָבן געגרייט די חופּה־וועטשערע, און איבער אַלע סאַרווערינס האָט געקיניגט די 80 יאָריקע רייזל, אַ טראַדיציאָנעלע, ווי די ספר־תורה, אַ פּיצינקע און אַ האָרבאַטע.

פאַר דער וועטעשערע האָט זיך אויפן הויף באַוויזן אַ יונ־גערמאַנטשיק, וואָס די געסט האָבן אים ניט געקענט. האָט ער האָט זיך געפרעגט אויף בעניע קריק. ער האָט אָפּגערופן בעניען אָן אַ זייט.

הערט, קיניג, — האָט דער יונגערמאַנטשיק געזאָגט, — איך האָב אײַך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. מיך האָט געשיקט צו אײַך חנה פון דער קאָסטעצקער גאַס.

— נו, גוט, — האָט געענטפערט בעניע קריק, מיטן צו־נעמעניש „קיניג" — וואָס איז עס פאַר אַ פּאָר ווערטער...

— אין „אוטשאַסטאָק" איז נעכטן אָנגעקומען אַ נייער „פּרי־סטאַוו", האָט חנה אײַך געהייסן זאָגן...

— כ'האָב געוואוסט פון דעם נאָך אייערנעכטן, — האָט גע־ענטפערט בעניע קריק. — ווייטער?...

— דער „פּריסטאַוו" האָט צונויפגערופן דעם „אוטשאַסטאָק" און געהאַלטן פאַרן „אוטשאַסטאָק" אַ רעדע...

— אַ נייער בעזים קערט ריין, — האָט בעניע קריק געענט־פערט. — ער מיינט אָן „אָבלאַווע". ווייטער?...

— און ווען די „אָבלאַווע" וועט זיין, ווייסט איר, קיניג?—

— זי וועט זיין מאָרגן.

— קיניג, זי וועט זיין היינט.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, יינגל?

— מיר ט'עס געזאָגט די מומע חנה. איר קענט די מומע חנה?

— איך קען די מומע חנה. ווייטער...

— ... דער „פריסטאַוו" האָט צונויפגערופן דעם „אוטשאַסטאָק" און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע. מיר דארפן דערשטיקן בעניע קריק, האָט ער געזאָגט, ווייל דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ קיסר, דאָרט איז ניטאָ קיין קיניג. היינט מאַכט קריק התונה זיין שוועס־טער, און זיי אַלע וועלן זיין דאָרט, היינט דאַרף מען מאַכן אַן „אָבלאַווע"...

— ווייטער.

—...האָבן די „שפּיקן" אָנגעהויבן צו שרעקן זיך. זיי האָבן

געזאָגט: אויב מיר ווען מאַכן די „אָבלאַווע" היינט, בשעת ביי אים איז אַ שמחה, וועט בעניע שטאַרק אין כעס ווערן און עס וועט קאָסטן אַ סך בלוט. האָט דער „פּריסטאַוו" געזאָגט: מיין כבוד איז מיר טייערער...

— נו, גיי, — האָט געענטפערט דער קיניג.

— וואָס זאָל איך זאָגן דער מומע חנה מכוח דער „אָבלאַ-ווע"?

— זאָג: בעניע ווייסט מכוח דער „אָבלאַווע".

און ער איז אַוועק, דער יונגערמאַנטשיק. נאָך אים האָבן זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אַ מאַן דריי פון בעניעס פריינט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען צוריק אין אַ האַלבע שעה אַרום. און זיי זענען טאַקע געקומען צוריק אין אַ האַלבע שעה אַרום, און דאָס איז אַלץ.

צום טיש האָבן זיך די געסט געזעצט ניט נאָך זייער על-טער נאָך: אַ נאַרישע עלטער איז פונקט אַזוי נעבעכדיק, ווי אַ שרעקעוודיקע יוגנט. און ניט לויט זייער עשירות: דער אונ-טערשלאַק פון אַ שווערן טייסטער ווערט געמאַכט פון טרערן.

ביים טיש זיינען פון אויבנאָן געזעסן דער חתן מיט דער כלה. עס איז זעער טאָג. נעבן זיי איז געזעסן סענדער אייכבוים דעם קיניגס שווער. דאָס איז זיין רעכט. סענדער אייכבוימס גע-שיכטע איז כדאי צו וויסן, זי איז גאָרניט קיין פּשוטע.

ווי אַזוי איז בעניע קריק, דער „נאַליאָטשיק" *) און דער קיניג פון די „נאַליאָטשיקעס", געוואָרן אייכבוימס איידעם? ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַן איידעם ביי אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט זעכציק מעלקעדיקע קי אָן איינער? די גאַנצע זאַך נעמט זיך טאַקע פון אַ „נאַליאָט". ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט בעניע אָנגעשריבן אייכבוימען אַ בריוו.

„מאָסיע אייכבוים, — האָט ער געשריבן, — לייגט אַנידער, איך בעט אייך, מאָרגן אינדערפרי אונטערן טויער אויף סאָפיע-

---

*) אָנפאַלער, באַנדיט.

יעווער גאָס 17 — צוואַנציק טויזנט רובל. אויב איר וועט עס ניט טאָן, וואַרט אויף אייך אַזוינס, וואָס איז ניט געהערט געוואָרן, און גאַנץ אַדעס וועט האָבן וועגן אייך צו רעדן. מיט אַכטונג, בעניע קיניג".

דריי בריוו, איינער קלאָרער פון דעם אַנדערן, זענען געבליבן אָן אַ תשובה. דאַמאָלס האָט בעניע אָנגענומען מיטלען. זיי זענען געקומען ביינאַכט — 9 מאַן מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט. אויף די שטעקנס איז געווען אָנגעוויקלט קלאָטשע, איינגעטונקען אין פעך. ניין פלאַקערדיקע שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן אויף אייכבוימס פי־הויף. בעניע האָט אַראָפּגעהאַקט די שלעסער פונם שטאַל און גענומען אַרויספירן איין בהמה נאָך דער אַנדערער. זיי האָט אָפּגעוואַרט אַ יונג מיט אַ מעסער. מיט איין קלאַפּ האָט ער איבערגעקערט די בהמה און אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אין איר בהמיש האַרץ. אויף דער ערד, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט בלוט, האָבן זיך, ווי פייערדיקע רויזן, צעבליט די שטורקאַצן, און ס'האָט זיך צעהילכט אַ שיסערײַ. מיטן שיסערײַ האָט בעניע אָפּגעטריבן די אַרבעטאָרינס, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן צום שטאַל. נאָך אים האָבן אויך די איבריקע „נאַליאָטשיקעס" אָנגעהויבן שיסן אין דער לופטן, ווייל ווען מען שיסט ניט אין דער לופטן. קאָן מען נאָך, חלילה, הרגענען אַ מענטשן. און אָט — ווען די זעקסטע בהמה איז מיט אַ גסיסה־מעקען אַ פאַל געטאָן צום קיניגס פוס — איז אויפן הויף אין איינע גאַטקעס אַרויסגעלאָפן אייכנבוים. ער האָט געפרעגט:

— וואָס וועט פון דעם זיין, בעניע?

— אויב בײַ מיר וועט ניט זיין קיין געלט — וועלן בײַ אייך ניט זיין קיין בהמות, מאָסיע אייכבוים. עס איז צוויי מאָל צוויי.

— קום אַריין אין שטוב, בעניע.

אין שטוב זענען זיי געקומען צו אַ הסכם. די געקוילעטע בהמות זענען צעטיילט געוואָרן אויף העלפט, אייכבוימען איז פאַרזיכערט געוואָרן, אַז קיין שום געפאַר דראָט אים ניט, און

אין דעם איז אים אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צייגעניש מיט אַ שטעמפּל. אָבער דער נס איז געשען שפּעטער.

בשעתן „נאַליאָט", אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען די געקוילעטע בהמות האָבן געמעקעט, און די קעלבלעך האָבן זיך געגליטשט אין דער מוטערס בלוט, ווען די שטורקאַצן האָבן געטאַנצט, ווי שוואַרצע בתולות, און די ווייבער, די מילכיקערנס האָבן זיך געוואָרפן און געקוויטשעט אונטער די אָנגעשטעלטע פיינדלעכע רעוואָלווערן — אין יענער שרעקלעכער נאַכט, איז אויפן הויף אַרויסגעלאָפן אין אַן אויסגעשניטענעם העמד דעם אַלטן אייכבוימס טאָכער — ציליע. און קיניגס זיג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מפּלה.

אין צוויי טעג אַרום האָט בעניע פלוצים אומגעקערט אייכבוימען דאָס צוגענומענע געלט, און שפּעטער איז ער געקומען צו אים אויפדערנאַכט מיט אַ באַזוך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אָראַנזשפאַרביקן קאָסטיום, און פון אונטער זיין אַרבל האָט געפינקלט אַ ברילאַנטענער בראַסלעט. ער איז אַריין אין צימער, זיך באַגריסט און געבעטען ביי אייכבוימען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. אייכבוים האָט שיר די אַפּאָפּלעקסיע ניט באַקומען, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך. דער אַלטער האָט נאָך געהאַט אין זיך לעבן אויף אַ יאָר צוואַנציק.

— הערט זיך איין, אייכבוים, — האָט אים געזאָגט דער קיניג, — ווען איר וועט שטאַרבן, וועל איך אייך מקבר זיין אויפן ערשטן יידישן הייליקן אָרט, ביים סאַמע טויער. איך וועל אייך, אייכבוים, שטעלן אַ מצבה פון ראָזן מאַרמאָר, איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ גבאי אין דער בראָדער שול, און וועל אַוועקוואַרפן מיין פאַך, אייכבוים, און מיר וועלן מאַכן שותפות מיט אייך אין אייער געשעפט. מיר וועלן האָבן צוויי הונדערט בהמות, אייכבוים. איך וועל אַוועקהרגענען אַלע מילכיקערס, חוץ אייך. קיין גנב וועט נישט דורכגיין די גאַס, וואו איר וואוינט, איך וועל אייך אויסבויען אַ „דאַטשע"*) אויף דער זעכצנטער

---

*) זומער־וואוינונג.

סטאַציע... און באַטראַכט זיך, אייכבוים, איר זענט דאָך אויך נישט געווען קיין רב אין דער יוגנט. ווער האָט געפּעלשט די צוואה, לאָמיר וועגן דעם הויך ניט רעדן?... און פאַר אַן איידעם וועט איר פּאָרט האָבן דעם קיניג און נישט עפּעס אַ שלימזלניק, דעם קיניג, אייכבוים...

און ער האָט זיינס אויסגעפירט, ווייל ער איז געווען ליידנשאַפטלעך, און די ליידנשאַפט הערשט איבער אַלע וועלטן. די יונגע פּאָר האָט פאַרבראַכט דריי חדשים אין דער פּעטער בעסאַראַביע, צווישן ווייַנטרויבן, זאַטן עסן און ליבע-שוויס. שפּעטער האָט זיך בעניע אומגעקערט אַהיים, כדי חתונה צו מאַכן זיין פּערציקיאָריקע שוועסטער דבורה, וואָס האָט געליטן אויף דער באַזעדאָווער קרענק. און איצט, ווען מיר האָבן שוין דערציילט די געשיכטע פון סענדער אייכבוים, קאָנען מיר זיך צוריקקערן צו דער חתונה פון דבורה קריק, דעם קיניגס שוועסטער.

אויף דער חתונה האָט מען דערלאַנגט צום טיש אינדיקעס, געבראָטענע הינער, גענז, געפּילטע פיש און פיש-יויך, אין דער פיש-יויך האָבן, ווי פּערלמוטער, געגלאַנצט ציטרין-אָזערעס. איבער די טויטע גענזענע קעפּלעך האָבן זיך געשאָקלט בלומען. ווי ברעכטיקע פּעדערן פון אַ קאַטאַפּאַלקע. אָבער געבראָטענע הינער וואַרפט דען אַרויס אויפן ברעג דער שוימיקער צופלוס פון אָדעסער ים?

דאָס פיינסטע פון אונזער קאָנטראַבאַנדע, אַלץ, מיט וואָס די ערד נעמט זיך איבער פון איין עק אירן ביזן צווייטן, האָט אין יענער שטערנדיקער, אין יענער בלויער נאַכט, געטאָן זיין צעשטערנדיקע, באַצויבערנדיקע אַרבעט. דער אויסלענדישער ווייַן האָט צעוואַרעמט די געדערים, אָנגעפילט די פיס מיט אַ זיסער שוואַכקייט, פאַרשיכורט די מוחות און אַרויסגערופן אַ גרעבס, וואָס האָט געהילכט, ווי דער רוף פון אַ מיליטערישן האָרן. די שוואַרצע פאַרזעעניש „פלוטארך", וואָס איז אייערנעכטן אָנגעקומען פון פּאָרט-סאַיד, האָט אַרויסגעטראָגן אויפן ברעג בייכיקע פלעשער מיט יאַמאַיער ראָם, פעטע מאַדערע, סיגאַרן פון פּיר-

פּאָנט־מאָרגאַן און מאראנצן פון ירושלימער געגנט. אָט וואָס עס ווארפט ארויס אויפן ברעג דער שוימיקער צופּלוס פון אָדעסער ים, — אָט וואָס עס באַקומען אַמאָל די אָדעסער אָרעמע לייט אויף א יידישער חתונה. אויף דער חתונה פון דבורה קריק האָבן די יידישע קבצנים באַקומען דעם יאַמאַיער ראָם, האָבן זיי זיך אָנגעזשלאָקעט, ווי טרייפע חזירים, און האָבן אָנגעהויבן הילכיק צו קלאַפּן מיט זייערע קוליעס. אייכבוים האָט צעשפּי־לעט זיין וועסטל, מיט פאַרשמאָלטע אויגעלעך האָט ער געקוקט אויף דער שטורמישער פאַרזאַמלונג און האָט צופרידן געשלו־קערצט דערביי. די קלעזמער האָבן געשפּילט אַ „טוש". עס איז געווען ווי אויף אַ מושטירונג פון מיליטער. אַ טוש און נאָכאמאָל אַ טוש. די „נאַליאָטשיקעס" זענען געזעסן אין ענגע רייען. לכתחילה האָבן זיי זיך שטארק געשעמט פאר די פרעמדע געסט. אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך צעלאָזט. ליאָווע־קאַצאַפּ האָט צעבראָכן אויפן קאָפּ פון זיין געליבטער אַ פלעשל בראַנפן, מאָניע־אַרטילעריסט האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן, אָבער די התפּעלות איז געוואָרן אין לשער, ווען די געסט האָבן, לויטן אַלטן מנהג, גענומען געבן דרשה־געשאַנק. די שול־שמשים זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די טישן און אונטער די קלאַנגען פון אַ ציטערדיקן טוש האָבן זיי אויסגעזונגען די צאָל פון די גע־שענקטע רובל אָדער זילבערנע לעפל. און דאָ האָבן דעם קיניגס פריינט דערוויזן, וואָס הייסט אַדל, און וואָס עס זענען ווערט די לעבעדיקע ריטער פון מאָלדאַוואַנקע *). מיט גאָר אַ געהוי־בענער, אויסערגעוויינלעכער האַנט־באַוועגונג האָבן זיי געוואָרפן אויף די זילבערנע טאַצן גילדערנע מטבעות, רינגען און שניר־לעך קרעלן.

די אַריסטאָקראַטן פון מאָלדאַוואַנקע זענען געווען אָנגעטאָן אין שטייפע טונקל רויטע וועסטלעך, אין געלע רעקלעך און אויף זייערע פליישיקע פיס האָט געהאַלטן אין פּלאַצן אַ הימל־בלויער לעדער. זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, די באַנדיטן, אין

*) אָדעסער פּאָרשטאָט, אַ מין „אונטערוועלט".

זייער גאַנצער גרויס, זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די בייכער, צו־געפּלעסקעט די קלעזמער, געשריען „ביטער" און געוואָרפן דער כלה בלומען. און זי, די פּערציק־יאָריקע דבורה, בעניע קריקס שוועסטער, דעם קיניגס שוועסטער, אַ פאַרענדערטע ביז גאָר פון דער קרענק מיט אַ צעוואַקסענעם קאָפּ און אַרויסגעקראָכענע אויגן, — איז געזעסן אויף אַ גאַנצן באַרג קישנס לעבן דעם דאַ־רינקן, שרעקלעך דערשלאָגענעם יינגל, וואָס איז געקויפט גע־וואָרן פאר אייכבוימס געלט.

מיטן דרשה־געשאַנק האָט מען שוין געהאַלטן כמעט ביים סוף. די שמשים זענען שוין הייזעריק געוואָרן, און דער קאָנטראַבאַס האָט בשום־אופן ניט געקאָנט דורכקומען מיט דער פידל. אויפן הויף האָט פּלוצים אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ לייכטן ריח פון סמאַלענע.

— בעניע, — האָט געזאָגט קריק, דער פאָטער, אַן אַלטער בעל־עגלה וואָס האָט צווישן די בעל־עגלות געשעמט פאר אַ גראָבן נפש — בעניע דו ווייסט, וואָס מיר דאַכט זיך? מיר דאַכט זיך, אַז עס ברענט ביי אונז אין קוימען...

— טאַטע־לעבן, — האָט דער קיניג געענטפערט זיין שיכורן פאָטער, — טרינקט און פאַרבייסט געזונטערהייט, און זאָל אייך נישט קריכן אין קאָפּ אַזעלכע מיני נאַרישקייטן...

און קריק דער פאָטער האָט געפאָלגט זיין זון. ער האָט פאַרביסן און אויסגעטרונקען. אָבער דאָס וואָלקנדל רויך איז געוואָרן אַלץ בייסנדיקער. ערגעץ־וואו זענען שוין די ברעגן פון הימל געוואָרן רויז. און באַלד האָט שוין אַ פלאַם, אַ שמאָלער, ווי אַ שווערד אַ שאָס געטאָן אין דער הויך. די געסט זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, גענומען שמעקן די לופט און די ווייבער זייערע האָבן זיך צעקוויטשעט. דאַמאָלסט האָבן זיך די „נאַליאָטשיקעס" איבערגעקוקט. נאָר בעניע האָט נאָך אַלץ גאָרנישט נישט באַמערקט און האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן.

— מען פאַרשטערט מיר די שמחה, — האָט ער געשריען אויסער זיך, — טייערע, איך בעט אייך, טרינקט און פאַרבייסט.

אָבער דאָ האָט זיך אויפן הויף באַוויזן דערזעלבער יונגער־מאַנטשיק וואָס איז געווען תחילת אָוונט.

— בעניע, האָט ער געזאָגט, — איך האָב אייך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער...

— נו, זאָג — האָט געענטפערט דער קיניג. — דו האָסט שטענדיק גרייט ביי זיך אַ פּאָר ווערטער...

— קיניג, — האָט זיך אָנגערופן דער אומבאַקאַנטער יונגער־מאַנטשיק און בשעת־מעשה געקייכט פון געלעכטער, — עס איז פּשוט קאָמיש, דער „אוטשאַסטאָק" ברענט, ווי אַ ליכט...

די קרעמער האָבן זיך דערשראָקן צום טויט. די „נאַליאָטשיקעס" האָבן געשמייכלט. די זעכציק יאָריקע מאַנקע, דער קאָפּ פון די באַנדיטן, אין דער פאָרשטאָט, האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און ארויסגעלאָזט אַזאַ גרילצעדיקן פייף, אַז די שכנים אירע ביים טיש האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן.

— מאַניע, איר זענט ניט אויף דער ארבעט, — האָט בעניע איר געמאַכט אַ באַמערקונג, — קאַלטבלוטיק, מאַניע...

דער יונגער בחור, וואָס האָט געבראַכט די מערקווערדיקע ידיעה, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. ער האָט געקייכט פון געלעכטער, ווי אַ שילערין.

— זיי זענען אַרויס פון „אוטשאַסטאָק" אַ מאַן פערציק, — האָט ער דערציילט און בשעת־מעשה געמאַכט מיט די קינבאַקן, — און האָבן זיך געלאָזט אויף אַן „אַבלאַווע", זיי זענען דורכגעגאַנגען נאָר אַ טריט פופצן, און דאָס פייער האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט... לויפט זיך דורך, גיט אַ קוק, אויב איר ווילט...

אָבער בעניע האָט פאַרבאָטן די געסט צו גיין קוקן אויף דער שרפה. אַוועק איז נאָר ער מיט זיינע צוויי חברים. דער „אוטשאַסטאָק" האָט געפלאַקערט כדבעי, פון אַלע פיר זייטן. די „גאָראָדאָוואָיעס" האָבן געטרייסלט מיטן אונטערשטן חלק, אַרומגעלאָפן איבער די פאַרוויכערטע טרעפּ און געוואָרפן דורך די פענסטער קאַסטנס. אין דער בהלה זענען זיך צעלאָפן די אַרעסטירטע. די פייערלעשער זענען געווען גרייט אָפּטאָן מעשים, אָבער עס האָט זיך פלוצים אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם נאָענטסטן

קראַן איז ניטאָ קיין וואַסער. דער „פּריסטאַוו" — אָט דער בעזעם, וואָס קערט ריין, איז געשטאַנען אויף יענער זייט גאַס און האָט געביסן די וואָנסעס, וואָס זענען אים געקראָכן אין מויל אַריין. דער נייער בעזעם איז געשטאַנען אָן אַרבעט. בעניע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם „פּריסטאַוו" און האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום דאַשעק, מעשה־זעלנער.

— אַ גוטן געזונט אין אייך, „וואַשע בלאָגאָראָדיע", — האָט ער געזאָגט מיט גרויס מיטגעפיל. — וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם אומגליק? עס איז דאָך אַ קאָשמאַר...

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דער ברענענדיקער געביידע, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ צמאָקע געטאָן מיט די ליפן:

— אַי, אַי, אַי...

. . . .

און ווען בעניע איז געקומען צוריק אַהיים, האָבן זיך שוין אויפן הויף געלאָשן די לאַמטערנדלעך, און עס האָט גענומען שאַריען אויף טאָג. די געסט זענען זיך צעגאַנגען, די קלעזמער האָבן אָנגעשפּאַרט די קעפּ אויף די הענטלעך פון זייערע קאָבטראַבאַסן און האָבן געדרעמלט. איין דבורה נאָר האָט ניט געטראַכט וועגן שלאָפן. מיטביידע הענט האָט זי געשטופּט איר דערשראָקענעם מאַן צו דער טיר פון זייער חופּה־צימער און געקוקט אויף אים חיהש, ווי אַ קאַץ, בשעת זי פּרוווט קוים־קוים מיט די ציין דאָס מייזל, וואָס זי האַלט אין איר מויל.

ווי מען איז זיך נוהג געווען אין אָדעס

איך האָב אָנגעהויבן:

— רב אריה־ליב, — האָב איך געזאָגט צום אַלטן, — לאָמיר אַביסל רעדן וועגן בעניע קריק. לאָמיר אַביסל רעדן וועגן דעם בליץ־שנעלן אָנהויב און וועגן דעם שרעקלעכן סוף זיינעם. דריי שוואַרצע שאָטנס פאַרשטעלן די וועגן פון מיין פאָרשטעלונג. אָט איז דער איינאויגיקער אפרים גראַטש. קאָן שוין טאַקע דער געלער שטאָל פון זיינע מעשים זיך נישט פאַרגלייכן מיטן כח פון דעם קיניג? און אָט איז קאָלקאַ פּאָקאָווסקי. די תּמימותדיקע ווילדקייט פון דעם מענטשן האָט געהאַט אין זיך אַלץ, וואָס מען באַדאַרף האָבן, כדי צו קאָנען געוועלטיקן. און איז שוין חיים דראָנג נישט געווען קיין מבין אויפן גלאַנץ פון דעם נייעם, נישט אונטערגייענדיקן שטערן? אָבער פאַרוואָס זשע האָט נאָר בעניע קריק אַליין זיך אויפגעהויבן אויפן שפּיץ פון דער שטריקענער לייטער, און אַלע איבעריקע זענען געבליבן הענגען פון אונטן, געבליבן הענגען אויף די שוואַכע שטאַפּלען?

רב אריה־ליב, וואָס איז געזעסן אויף דעם פּאַרקאַן פון בית־עולם, האָט געשוויגן. אַ גרינע קברים־רויקייט איז געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט אַרום אונז. אַ מענטש, וואָס גאַרט אויף אַן ענטפער דאַרף האָבן געדולד. און פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, פּאַסט צו זיין גרויס ביי זיך. און אריה־ליב, וואָס איז געזעסן אויף דעם פּאַרקאַן פון בית־עולם, האָט דערפאַר טאַקע געשוויגן. לסוף האָט ער געזאָגט:

— פאַרוואָס ער? פאַרוואָס נישט זיי, ווילט איר וויסן?

אויב אַזוי — פֿאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז אויף דער נאָז האָט איר ברילן און אין דער נשמה — דעם הערבסט. הערט אויף צו מאַכן סקאַנדאַלן בײַ אײַער שרײַב־טיש און צו שטאַמלען צווישן מענטשן. שטעלט זיך פֿאָר אויף אַ ווײַלע, אַז איר מאַכט סקאַנדאַלן אויף אָפֿענע פֿלעצער און איר שטאַמלט אויף פּאַפּיר. איר זענט אַ טיגער, איר זענט אַ לייב, איר זענט אַ קאַץ. איר קאָנט איבערנעכטיקן מיט אַ רוסישער פֿרוי, און די רוסישע פֿרוי זאָל מיט אײַך בלײַבן צופֿרידן. איר זענט אַלט פֿינף און צוואָנציק יאָר. ווען צום הימל און צו דער ערד וואָלטן געווען צוגעמאַכט רינגען, וואָלט איר אָנגעכאַפּט די רינגען און איר וואָלט צוזאַ-מענשלעפּט דעם הימל צו דער ערד. און דער טאַטע אײַערער איז מענדל קריק, דער בעל־עגלה. וואָס האָט אַזאַ טאַטע אין זינען? ער האָט אין זינען אַ גוט ביסל שנאַפּס, געבן עמעצן אין פּיסק האָט ער אין זינען, זײַנע פֿערד נאָך — און מער גאָרנישט. איר ווילט לעבן, און ער צווינגט אײַך צו שטאַרבן צוואָנציק מאָל אויף אַ טאָג. וואָס וואָלט איר געטון אויפֿן אָרט פֿון בעניע קריק. איר וואָלט גאָרנישט נישט געטון. און ער האָט געטון. דערפֿאַר וואָס ער איז קיניג, און איר האַלט אין קעשענע אַ פֿײַג.

ער — בענטשיק — איז אַוועק צו גראַטשן, וואָס האָט שוין דאַמאָלס געקוקט אויף דער וועלט מיט איין אויג נאָר, און איז געווען דאָס, וואָס ער איז. ער האָט געזאָגט צו אַפֿרימען:

— נעם מיך. איך וויל צושטיין צו דײַן ברעג. יענער ברעג, וואָס איך וועל צו אים צושטיין, וועט אַ סך געווינען.

גראַטש האָט אים געפֿרעגט:

— ווער ביסטו, פֿון וואַנען גייסטו, און מיט וואָס עטעמסטו?

— פּרווו מיך אויס, אפֿרים, — האָט בעניע געענטפֿערט, — און לאָמיר אויפֿהערן צו שמירן ווייסע קאַשע איבער אַ ריי־נעם טיש.

— לאָמיר אויפֿהערן צו שמירן די קאַשע, — האָט גראַטש געענטפֿערט, — איך וויל דיך אויספּרווון.

און די „נאַליאָטשיקעס“ האָבן צונויפֿגערופֿן אַ ראַט, כדי

זיך אַן עצה האַלטן וועגן בעניע קריקן. איך בין בשעת מעשה נישט געווען. נאָר מען זאָגט, אַז זיי האָבן צונויפגערופן אַ ראַט. דער עלטסטער איז ביי זיי דאַמאָלס געווען ליאָווקע ביק, עליו השלום.

— וואָס טוט זיך ביי אים, ביי דעם בענטשיקן, אונטערן היטל? — האָט ביק, עליו השלום, געפרעגט.

און דער איינאויגיקער גראַטש האָט געזאָגט זיין וואָרט:

— בעניע רעדט ווייניק, אָבער ער רעדט געשמאַק. ער רעדט ווייניק, אָבער עס גליסט זיך, אַז ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

— אויב אַזוי, — האָט ליאָווקאַ, עליו השלום, אויסגעשריען, — לאָמיר אים אויספּרוּוון אויף טאַרטאַקאָווסקען.

— לאָמיר אים אויספּרוּוון אויף טאַרטאַקאָווסקען, — האָט באַשלאָסן דער ראַט, און אַלע, ווער עס האָט נאָר געהויזט מיט זיין אייגענעם געוויסן, זענען רויט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן דעם באַשלוס. פאַרוואָס זענען זיי רויט געוואָרן? איר וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, אויב איר וועט גיין אַהין וווהין איך וועל אייך פירן.

טאַרטאַקאָווסקען האָט מען גערופן ביי אונז „אַנדערטהאַלבן זשידעס" אָדער „ניין אָנפאַלן". „אַנדערטהאַלבן זשידעס" האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל קיין שום ייד האָט נישט געקאָנט אַריינבעמען אין זיך אַזויפיל עזות און אַזויפיל געלט, וויפל טאַרטאַקאָווסקי האָט געהאַט. מיטן וווקס איז ער געווען העכער פון דעם העכסטן „גאָראָדאָוואָי" אין אָדעס, און וואָג האָט ער אין זיך געהאַט מער, ווי די דיקסטע יידענע. און „ניין אָנפאַלן" האָט מען טאַרטאַקאָווסקען גערופן דערפאַר, וואָס די פירמע ליאָווקע ביק עט קאָמפּאַניע האָט געמאַכט אויף זיין קאַנטאָר נישט אַכט, און נישט צען, נאָר דוקא ניין אָנפאַלן. אויף בעניען, וואָס איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען קיין קיניג, איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו מאַכן אויף „אַנדערטהאַלבן זשידעס" דעם צענטן אָנפאַל. ווען אפרים האָט אים מודיע געווען וועגן דעם, האָט ער געזאָגט „יאָ", אַ האַק געטון מיט דער טיר און איז אַרויס. פאַרוואָס

האָט ער אַ האַק געטון מיט דער טיר? איר וועט זיך דערוויסן וועגן דעם אויב איר וועט גיין אַהין, וווהין איך וועל אייך פירן.

אין טאַרטאַסקאָווסקען זיצט אַ נשמה פון אַ רוצח, אָבער ער איז אַן אונזעריקער. ער איז אַרויס פון צווישן אונז. ער איז אונזער בלוט. ער איז אונזער פלייש, פונקט ווי איין מאַמע האָט אונז געהאַט. האַלב אָדעס איז געווען אָנגעשטעלט אין זיינע געוועלבן און אָנגעליטן האָט ער זיך פון זיין עולם טאַקע, די מאָלדאָוואַנקער לייט אַליין. צוויי מאָל האָט מען אים אַרויסגעגנבעט, כדי ער זאָל זיך אויסקויפן און איינמאָל בשעתן פּאָגראָם האָט מען אים געפירט צו דער קבורה מיט משוררים. די סלאָבאָדקער באַנדיטן האָבן דאַמאָלס געשלאָגן יידן אויף דער גרויס אָרנאַאוטן גאַס. טאַרטאַקאָווסקי איז פון זיי אַנטלאָפן, און אויף דער סאָפיעווער גאַס האָט ער באַגעגנט אַ לויה מיט משוררים. ער האָט געפרעגט.

— וועמען פירט מען עס צו קבורה מיט משוררים?

די פאַרבייגייער האָבן אים געענטפערט, אַז דאָס פירט מען צו דער קבורה טאַרטאַקאָווסקען. די לויה איז צוגעקומען ביזן סלאָבאָדקער בית עולם. דאַמאָלס האָבן אונזערע אַרויסגענומען פונעם ארון אַ פולעמיאָט און האָבן גענומען שיסן אויף די סלאָבאָדקער באַנדיטן. אָבער „אַנדערטהאַלבן זשידעס" האָט עס נישט פאָרויסגעזען. „אַנדערטהאַלבן זשידעס" האָט זיך דערשראָקן אויף טויט. און וועלכער בעל־הבית אויף זיין אָרט וואָלט זיך נישט געווען דערשראָקן?

מאַכן אַן אָנפאַל אויף אַ מענטשן, וואָס מען האָט שוין אים איינמאָל מקבר געווען, איז זייער נישט איידל. בעניע, וואָס איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען קיין קעניג, האָט עס פאַרשטאַנען בעסער פון יעדן אַנדערן. אָבער ער האָט געזאָגט גראַטשן „יאָ". און אין דעם זעלבן טאָג טאַקע, האָט ער אָנגעשריבן צו טאַרטאַקאָווסקען אַ בריוו, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַלע בריוו פון דעם מין:

„הויכגעשעצטער רובים אָסיפּאָוויטש. זייט אַזוי פריינדלעך

און לייגט שבת אַוועק אונטערן פעסל מיט רעגן וואַסער... און אַזוי ווייטער. טאָמער זאָגט איר זיך אָפּ, ווי איר האָט עס די לעצטע צייט אָנגעהויבן צו ערלויבן זיך, וואַרט אויף אייך אַ גרויסע אַנטוישונג אין אייער פאַמיליען לעבן. מיט אַכטונג אייער באַקאַנטער בענציאָן קריק".

טאַרטאַקאָווסקי איז נישט פויל געווען און האָט תּיכּף אָפּ־געענטפערט:

„בעניען! ווען דו זאָלסט גצווען זיין אַן אידיאָט, וואָלט איך צו דיר געשריבן ווי צו אַן אידיאָט. אָבער איך קען דיך נישט פאַר אַזעלכן און זאָל מיך גאָט אָפּהיטן דיך פאַר אַזעלכן צו קענען. דו מאַכסט זיך, אַפּנים, פאַר אַ יינגל. וואָס, דו ווייסט דען נישט, אַז אין אַרגענטינע איז היי־יאָר אַזאַ געראַטע־ניש, כאָטש ווער צוזעצט. און מיר זיצן דאָ מיט אונזער ווייץ אָן אַ סימן פון פּדיון... און איך וועל דיר זאָגן מיט דער האַנט אויפן האַרצן, אַז מיר איז נמאס געוואָרן צו עסן אויף דער עלטער אַזאַ ביטער שטיקל ברויט און איבערטראָגן אַזעלכע יסורים נאָך דעם, ווי איך האָב אָפּגעהאָרעוועט מיין גאַנץ לעבן, ווי דאָס ערגסטע משא־פערד. און וואָס האָב איך נאָך די אונטער־מיניקע קאַטאָרזשנע אַרבעטן? מכּות, בלאָטערן, צרות און שלאָפ־לאָזיקייט. וואַרף אַוועק די נאַרישקייטן, בעניע, דיין פריינד, אַ סך מער, ווי דו שטעלסט זיך אַליין פאָר, רובים טאַרטאַקאָווסקי."

„אַנדערטהאַלבן זשידעס" האָט זיינס געטון. ער האָט אָנגע־שריבן אַ בריוו. אָבער די פּאָסט האָט נישט צוגעשטעלט דעם בריוו צום אַדרעסאַט. און ווען בעניע האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער רציחה. אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען מיט פיר פריינט אין טאַרטאַקאָווסקעס קאַנטאָר. פיר יינגעלייט אין מאַסקעס מיט רעוואָלווערן האָבן אַריינגעריסן זיך אין צימער אַריין.

— די הענט אַרויף, — האָבן זיי געזאָגט און גענומען פאָכען מיט די פּיסטאָלעטן.

— אַרבעט רויקער, סאָלאָמאָן, — האָט בעניע געזאָגט צו איינעם, וואָס האָט געשריצן העכער פון אַנדערע, — האָב נישט

קיין טבע צו זיין נערוועז ביי דער אַרבעט, — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אָנגעשטעלטן, וואָס איז געווען ווייס, ווי דער טויט, און געל, ווי ליים, און אים געפרעגט:

— אַנדערטהאַלבן זשידעס" איז אויפן זאַוואָד?

— זיי זענען נישטאָ אויפן זאַוואָד, — האָט געענטפערט דער אָנגעשטעלטער. זיין פאַמיליע איז געווען מוגינשטיין, אויפן נאָמען האָט ער געהייסן יוסף, און געווען איז ער נאָך אַ בחור, דער זון פון דער מומע פעסיע, וואָס איז געזעסן מיט הינער אויף דעם סערעדינסקן מאַרק.

— ווער וועט דאָ זיין, אויב אַחוץ, אָנשטאָט דעם בעל־הבית? — איז מען צוגעשטאַנען צו דעם אומגליקלעכן מוגינשטיינען.

— איך בין דאָ אָנשטאָט דעם בעל־הבית, — האָט געזאָגט דער אָנגעשטעלטער, וואָס איז געווען גרין, ווי גרין גראָז.

— טאָ מאַך אויף, מיט גאָטס הילף, די קאַסע! — האָט בעניע צו אים באַפוילן און עס איז אַוועק אַן אָפּערע אין דריי אַקטן.

דער נערוועזער סאַלאָמאָן האָט צונויפגעלייגט אין רענצל געלט, פּאַפּירן, דעם זייגער און מאָנאָגראַמען. יוסף עליו השלום, איז געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט, און בעניע האָט בשעת מעשה דערציילט לעבן־געשיכטעס פונם יידישן פאָלק.

— וויבאַלד ער בלאָזט פון זיך ווי אַ ראָטשילד, — האָט בעניע געזאָגט וועגן טאַרטאַקאָווסקען, — מעג ער ברענען אויף אַ פייער. גיב מיר צו פאַרשטיין, מוגינשטיין, ווי מען גיט צו פאַרשטיין אַ פריינט: אָט באַקומט ער פון מיר אַ געשעפט־לעכן בריוו, פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט אויפזעצן פאַר פינף קאָפּקעס אויף אַ טראַמוויי, נישט צופאָרן צו מיר אויף דער דירה און נישט מאַכן מיט מיין משפחה אַ שנאַפּס און נישט פאַרבייסן מיט וואָס גאָט האָט געגעבן? ווער האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן פאַר מיר זיין האַרץ? בעניע, — נעכיי וואָלט ער געווען זאָגן, — אַזוי און אַזוי, אָט האָסטו מיין באַלאַנס, וואַרט צו אַ פּאָר טעג, לאָז כאַפּן דעם אָטעם, לאָז מיך די הענט

צופירן. וואָס וואָלט איך אים דערויף געענטפערט? אַ חזיר מיט אַ חזיר באַגעגענען זיך נישט, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגענען זיך יאָ. מוגינשטיין, האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— איך האָב אייך פאַרשטאַנען, — האָט מוגינשטיין געזאָגט און ער האָט געזאָגט אַ ליגן, — ווייל פאַר אים איז אינגאַנצן געווען אומפאַרשטענדלעך וואָס דאַרף עפּעס „אַנדערטהאַלבן זשידעס״, אַ חשובער גביר, פון די פני, פאָרן מיט אַ טראַמוויי צו קריק, דעם בעל־העגלה כדי צו פאַרבייסן דאָרט מיט זיין משפּחה.

אָבער דער אומגליק האָט זיך דערווייל געשליידערט אונטער די פענסטער, ווי אַ בעטלער פאַרטאָג, און האָט זיך באַלד מיט רעש אַריינגעריסן אין קאַנטאָר. דער אומגליק איז געווען שיכור, ווי אַ וואַסער פירער הגם אויף דעם מאָל איז ער געווען אינם געשטאַלט פון דעם ייד סאַוועקע בודיס.

— האָ־הו־האָ, — האָט זיך דער ייד סאַוועקע צעשריגן, — זייט מיר מוחל, בענטשיק, איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט, — און ער האָט גענומען טופּען מיט די פיס און פאָכען מיט די הענט. שפּעטער האָט ער אויסגעשאָסן און די קויל האָט געטראָפן מוגינשטיינען גלייך אין בויך אַריין.

באַדאַרף מען דאָ אַ סך צו רעדן? געווען א מענטש און נישטאָ קיין מענטש, געלעבט האָט זיך אַן אומשולדיקער בחור, ווי אַ פויגל אויף אַ צווייגל, — און אָט איז ער איבער א נאַרישקייט אומגעקומען. געקומען א ייד, ענלעך אויף אַ מאַטראָס, און האָט אויסגעשאָסן נישט אין עפּעס אַ פלעשל דאָרט אויף אַ שיסאָרט, נייערט אין א לעבעדיקן מענטשן. באַדאַרף מען דאָ דען א סך צו רעדן?

— שוין זיך נעמען דעם וועג פון קאַנטאָר, — האָט בעניע אַ געשריי געטאָן און איז אַוועק פון דאָרטן דער לעצטער. אָבער פאַרן אַוועקגיין האָט ער נאָך געהאַט צייט צו זאָגן בודיסן:

ביים קבר פון מיין מוטער, שווער איך דיר, אַז דו וועסט ליגן נעבן אים...

אדרבא, איצט זאָגט איר, יונגערמאַן, וואָס שניידט קופּאָ-

נעס פון פרעמדע אקציעס, וואָס וואָלט איר געטון אויפן אָרט פון בעניע קריק? איר ווייסט נישט, וואָס צו טון. אָבער ער האָט יאָ געוווּסט. און דערפאַר איז ער קעניג, און מיר מיט אייך זיצן אויפן פּאַרקאַן פונם צווייטן יידישן בית־עולם און פאַרשטעלן זיך מיט די דלאָניעס פון דער זון.

דער מומע פּעסיעס אומגליקלעכער זון איז נישט באלד געשטאָרבן. אין צוויי שעה ארום נאָך דעם, ווי מען האָט אים געבראכט אין שפּיטאָל איז אהין אַראָפּגעקומען בעניע. ער האָט געהייסן ארויסרופן צו זיך דעם עלטסטן דאָקטאָר און די אויפ־זעהערן און האָט צו זיי געזאָגט:

— איך האָב אן אינטערעס, — האָט ער געזאָגט, און בשעת מעשה נישט ארויסגענומען די הענט פון די קרעמאָווע הויזן, — אז דער קראנקער יוסף מוגינשטיין זאָל געזונט ווערן. איך וועל אייך זאָגן, ווער איך בין — יעדנפאלס — בענציאָן קריק בין איך. קאמפאר, לופט־קישעלעך, אַ באזונדער צימער — אלץ געבן מיט אן אָפענעם הארץ, און אויב נישט — פאלט אויס אויף יעדן דאָקטאָר, מעג ער אפילו זיין אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע, נישט מער, ווי דריי ארשין ערד.

און דאָך איז מוגינשטיין נאָך אין דערזעלבער נאַכט גע־שטאָרבן, און דאַמאָלס האָט „אַנדערטהאַלען זשידעס" אויפגעהויבן אַ גוואַלד אויף גאַנץ אָדעס.

— ווו הויבט זיך אָן פּאָליציי, — האָט ער געוואַלדעוועט, — און ווו ענטדיקט זיך בעניע?

— די פּאָליציי ענדיקט זיך דאָרט, ווו בעניע הויבט זיך אָן — האָבן געענטפערט מענטשן מיט פאַרשטאַנד, אָבער טאַרטאַקאָווסקי האָט זיך נישט באַרויקט און ער האָט זיך דערוואַרט, אַז דער רויטער אויטאָמאָביל מיטן שפּיל־קאַסטן האָט אָפּגעשפּילט אויף דעם הערעדינער פּלאַץ זיין ערשטן מאַרש פון דער אָפּער „לאַך, פּאַיאַץ". אין מיטן העלן טאָג איז די מאַשין צוגעפלויגן צום הייזל, וואו די מומע פּעסיע האָט געוווינט.

דער אויטאָמאָביל האָט געדונערט מיט די רעדער, געשפּיגן מיט רויך, געגלאַנצט מיט מעש, געשטינקט מיט בענזין און גע־

שפילט אַריעס אויף זײַן סיגנאַל־טרייבל. פון אויטאָמאָביל איז עמעצער ארויסגעשפּרונגען און איז אַריין אין קיך. דאָרט האָט זיך אויפן ערדענעם בריק געוואָרפן די קלײנע מומע פעסיע. „אָנדערטהאַלבן זשידעס״ איז געזעסן אויף אַ שטול און האָט גע־מאַכט מיט די הענט.

— כוליגאַנסקע מאָרדע, — האָט ער אַ געשריי געטון, ווען ער האָט דערזען דעם גאַסט, — באַנדיט, די ערד זאָל דיך אַרויסוואַרפן! אַ שיינע מאָדע זיך געמאַכט — הרגענען לעבעדיקע מענטשן...

— מאָסיע טאַרטאַקאָווסקי, — האָט אים בעניע קריק שטיל געענטפערט, — אָט גייט שוין דער צווייטער מעת־לעת, ווי איך באַוויין דעם טייערן נפטר, ווי מען באַוויינט אַן אייגענעם ברודער, אָבער איך ווייס, אַז איר שפּייט אויף מיינע יונגע טרערן. אַ חרפּה, מאָסיע טאַרטאַקאָווסקי, — אין וועלכער פייער־קאַסע האָט איר באַהאַלטן די חרפּה? איר האָט געהאַט אַ האַרץ צו שיקן דער מוטער פון אונזער יוסף, עליו השלום, הונדערט נעבעכדיקע קערבלעך. דער מוח צוזאמען מיט די האָר האָט זיך ביי מיר געשטעלט קאַפּויר, ווען איך האָב דערהערט די נייס...

דאָ האָט בעניע געמאַכט אַ פּויזע. ער האָט געטראָגן אַ רעקל פון שאָקאָלאַד־פאַרב, קרעמזווע הויזן און העל־רויטע שטיוולעטן.

— צען טויזנט מיט אַמאָל, — האָט ער זיך געברומט, — צען טויזנט מיט אַמאָל און דעם געהאַלט ביז איר טויט, זאָל זי זיך לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר. טאָמער נישט, וועלן מיר אַרויס פון דער וואוינונג, מאָסיע טאַרטאַקאָווסקי, און מיר וועלן זיך זעצן אויף מיין אויטאָמאָביל...

שפּעטער האָבן זיי זיך געאַמפּערט צווישן זיך, „אָנדער־ט־האַלבן זשידעס״ האָט זיך געאַמפּערט מיט בעניען. איך בין דערביי נישט געווען, אָבער די, וואָס זענען יאָ געווען, געדענ־קען גוט די מעשה. זיי האָבן געענדיקט אויף פינף טויזנט מזומנים און פופציק רובל חודש געלט.

— מומע פעסיע, האָט בעניע געזאָגט דאַמאָלס צו דער אַלטער, וואָס האָט זיך, אַ צעשויבערטע, געוואַלגערט אויף דער

ערד, — טאָמער דאַרפט איר מיין לעבן, נעמט זיך דאָס, אָבער אַ טעות האָבן קאָנען אַלע, אַפילו גאָט אַליין, עס איז אַ גרויסער טעות געשען, מומע פעסיע, אָבער פון גאָט איז דען נישט גע־ ווען קיין טעות צו באַזעצן די יידן אין רוסלאַנד, זיי זאָלן זיך דאָ מאַטערן, ווי אין גיהנום, וואָס וואָלט געשאַדט, ווען יידן זאָלן וווינען אין דער שווייץ, אַרומגערינגלט מיט ערשטקלאַסיקע אָזערעס, מיט בערג־לופט, און מיט לויטער פראַנצויזן? אַלע קאָנען האָבן אַ טעות, אַפילו גאָט אַליין. הערט מיך אויס מיט אויערן, מומע פעסיע. איר האָט פינף טויזנט מיט אַ מאָל און פופציק רובל חודש־געלט ביזן טויט — לעבן זאָלט איר הודערט און צוואָנציק יאָר. יוספס לויה וועט זיין אַן ערשטקלאַסיקע. זעקס פערד, ווי די זעקס לייבן, קאַטאַפאַלקעס מיט קרענץ, דער כאָר פון בראָדסקעס שול, און מינקאָווסקי אַליין וועט קומען צופאָרן זאָגן דעם אל־מלא־רחמים...

אין די לויה איז פאָרגעקומען אויף מאָרגן אידערפרי. וועגן דער לויה פרעגט ביי די בית־עולם אָרימע־לייט, פרעגט וועגן איר די שמשים פון דער שול, ביי די הענדלער מיט כשרע עופות אָדער ביי די זקנות פון דעם צווייטן מושב־זקנים. אַזאַ מין לויה האָט נאָך אָדעס נישט געזען און די וועלט וועט שוין מין־הסתם נישט זען אויך. די „גאָראָדאָוואָיעס" האָבן אין יענעם טאָג אָנגעטון ביוולנע הענטשקעס. די בתי־מדרשים זענען געווען באַצירט מיט גרינס, די טירן זענען אין זיי געשטאַנען אָפן, און די עלעקטריע האָט דאָרט געברענט. אויף די ווייסע פערד פון דער קאַטאַפאַלקע האָבן זיך געהוידעט שוואַרצע פעדערן בראש פון דער פראָצעסיע זענען געגאַנגען זעכציק משוררים. די משוררים זענען געווען יינגלעך, אָבער געזוננען האָבן זיי מיט פרויען־שטימען. די הענדלער מיט כשרע עופות האָבן אַרויסגע־ שטעלט זייערע שול־גבאים, זיי זאָלן פירן די מומע פעסיע אונטער די אָרעמס. נאָך די גבאים זענען געגאַנגען מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע און נאָך די יידישע אָנגעשטעלטע זענען געגאַנגען אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און אַקו־ שערקעספעלדשערינס. ביי איין זייט פון דער מומע פעסיע

האָבן זיך געפֿונען די הינער־הענדלערינס פֿונעם אַלטן מאַרק און בײַ דער צווייטער זייט די חשובֿע מילכיקערינס פֿון בוגאַיאָווקע, וואָס זענען געווען אײַנגעהילט אין אָראַנזשפּאַרביקע שאַלן. זיי האָבן געטופּעט מיט די פֿיס, ווי זשאַנדאַרמען אין אַ חגא אויף אַ פּאַראַד. פֿון די ברייטע קרײַזשעס זייערע האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון ים און מילך. און גאָר פֿון הינטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט ראובן טאַרטאַקאָווסקעס אָנגעשטעלטע, זיי זענען געווען אַ מאַן הונדערט אָדער אַ מאַן צוויי הונדערט אָדער אַ צוויי טויזנט מאַן, זיי האָבן געטראָגן שוואַרצע סורדוטן מיט זײַדענע לאַצן און נײַע שטיוול, וואָס האָבן געסקריפּעט, ווי חזירימלעך אין אַ זאַק.

און איצט וועל איך רעדן, ווי דער אויבערשטער האָט גערעדט אויפֿן באַרג סיני פֿון דעם ברענענדיקן דאָרן אַרויס. לייגט אַרײַן אין אײַערע אויערן מײַנע ווערטער. אַלץ וואָס איך האָב געזען, האָב איך געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, איך בין געזעסן דאָ אויפֿן פּאַרקאַן — פֿון דעם צווייטן בית־עולם, געזעסן צוזאַמען מיט דעם שעפּעליאַוון מאָיסייקע און מיט שמשונען פֿון דער חבֿרא־קדישא. דאָס אַלץ האָב איך געזען, איך אריה־ליב, דער שטאָלצער ייִד, וואָס האַלט זיך אויף נעבן די מתים.

די קאַטאַפֿאַלקע איז צוגעפֿאָרן צו דער שול פֿונעם בית־עולם. מען האָט דעם ארון אַוועקגעשטעלט אויף די טרעפּלעך, די מומע פּעסיע האָט געציטערט, ווי אַ פֿייגעלע. דער חזן איז אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם פֿאַעטאָן און האָט אָנגעהויבן זײַן „אל־מלא־רחמים", זעכציק משוררים האָבן אים מיטגעהאָלפֿן, און אין דער מינוט איז פֿונעם ראָג אַרויסגעפֿלויגן אַ רויטער אויטאָמאָביל. ער האָט אָפּגעשפּילט „לאַך, פּאַיאַץ" און האָט זיך אָפּגעשטעלט. מענטשן האָבן געשוויגן, ווי דערהרגעטע. עס האָבן געשוויגן די בוימער, די משוררים און די אָרימע־לײַט. פֿיל מענטשן זענען אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער דעם רויטן דאַך און מיט שטילע טריט צוגעטראָגן צו דער קאַטאַפֿאַלקע אַ קראַנץ פֿון אויסטערלישע רויזן. און ווען דער חזן האָט געענדיקט דעם אל־מלא־רחמים, האָבן פֿיר מענטשן אונטערגעשטעלט זייערע שטאָלענע אַקסלען אונטערן ארון און מיט ברענענדיקע אויגן און מיט

אַן אויסגעשטעלטער ברוסט האָבן זיי גענומען שפּאַנען גלייך מיט די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „יידישע האַנדלס־אַנגעשטעלטע“.

פאָרויס איז געגאַנגען בעניע קריק, וואָס קיינער האָט אים נאָך דאַמאָלס נישט גערופן קעניג. און ער, דער ערשטער, האָט זיך דערנענטערט צום קבר, אַרויף אויפן בערגל און האָט אויס־געשטרעקט די האַנט.

— וואָס ווילט איר טון, ייִנגערמאַן? — איז צו אים צוגעלאָפן קאָפּמאַן פון דער חברא־קדישא.

— איך וויל זאָגן אַ רעדע, — האָט בעניע קריק געענט־פערט.

און ער האָט געהאַלטן אַ רעדע. די רעדע האָבן געהערט אַלע, וועמ עס האָט נאָר געוואָלט זי הערן. איך, אריה־ליב, האָב זי געהערט און אויך דער שעפּעליאַוווער מאָיסייקע, וואָס איז געזעסן אויפן פּאַרקאַן נעבן מיר, האָט זי געהערט.

— הערן און דאַמען, — האָט בעניע קריק געזאָגט, — הערן און דאַמען, — האָט ער געזאָגט, און די זון האָט זיך אַ שטעל געטון איבער זיין קאָפּ, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, — איר זענט געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַן ערלעכן האָרעפּאַשניק, וואָס איז אומגעקומען דורך אַ גאָרנישט. איך דאַנק אייך אין מיין נאָמען און אין דעם נאָמען פון די אַלע, וואָס זענען דאָ איצט נישטאָ. הערן און דאַמען. וואָס האָט אונזער טייערער יוסף אויף זיין לעבן געזען? ער האָט געזען אַ נעבעכדיקן טאָג, מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט? ער האָט געציילט פרעמד געלט. פאַר וואָס איז ער אומגעקומען? ער איז אומגעקומען פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס געהערן שוין דעם טויט, און עס זענען דאָ מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צו לעבן. און אָט איז אַ קויל געפלויגן אין אַ ברוסט, וואָס געהערט דעם טויט און האָט געטראָפן אין יוספן, וואָס האָט אויף זיין לעבן, חוץ אַ פּאָר נעבעכדיקע טעג, גאָרנישט נישט געזען. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס קאָנען טרינקען בראָנ־פן און זענען ווייטער דאָ מענטשן, וואָס קאָנען נישט טרינקען קיין

בראָנפן און דאָך טרינקען זיי יאָ. די ערשטע האָבן הנאה סיי פון צרות און סיי פון פרייד, און די צווייטע ליידן פאַר די אַלע, וואָס טרינקען בראָנפן, בשעת זיי קאָנען נישט טרינקען. דעריבער, הערן און דאַמען, וועל איך אייך בעטן, נאָך דעם, ווי מיר וועלן אָפּזאָגן קדיש נאָך אונזער אומגליקלעכן יוסף, באַגלייטן צום קבר אויך דעם אומבאַקאַנטן אייך סאַוועלי בודיס, וואָס איז שוין איצט עליו השלום...

און ווען בעניע קריק האָט אָפּגעזאָגט די רעדע, איז ער אַראָפּ פונם בערגל. עס האָבן געשוויגן די מענטשן, די בוימער און די אָרעמע־לייט פונם בית־עולם. צוויי פון די קברות־לייט האָבן דורכגעטראָגן נישט קיין געפאַרבטן ארון צו דעם שכנישן קבר. דער חזן האָט שטאַמלדיק, אָפּגעזאָגט אַלע פסוקים. בעניע האָט אַ וואָרף געטון דעם ערשטן הויפן ערד און איז איבערגעגאַנגען צו סאַוועקן. נאָך אים זענען, ווי שעפסן, אַוועק אַלע אַדוואָקאַטן און די דאַמען מיט די בראָשקעס. ער האָט געצוווּנגען דעם חזן צו זאָגן אויף סאַוועקס קבר אל־מלא־רחמים און אַלע פסוקים. און דעם חזן האָבן מיטגעהאָלפן זעכציק משוררים. סאַוועקן האָט זיך דאָס אַליין אַפילו נישט געחלומט. איר מעגט אריה־לייבן, דעם אַלטן זקן, גלויבן אויפן וואָרט.

מען זאָגט, אַז אין יענעם טאָג האָט „אַנדערטהאַלבן זשידעס" געהאַלטן פאַרמאַכט זיין געשעפט. איך בין דערביי נישט געווען אָבער דאָס, וואָס נישט דער חזן, נישט דער כאָר, נישט די חברה־קדישא האָבן פאַר דער לויה קיין געלט נישט געבעטן — דאָס האָט אריה־לייב מיט די אייגענע אויגן געזען. אריה־לייב אַזוי רופט מען מיך און מער האָב איך גאָרנישט נישט געקאָנט זען, דערפאַר, ווייל די מענטשן, וואָס זענען שטילינקערהייט אָפּגעגאַנגען פון סאַוועקס קבר, האָבן זיך באַלד געלאָזט לויפן, ווי פון אַ שרפה. זיי זענען געפלויגן אין פאַעטאָנען, אין וואָגנס און צופוס. און נאָר די פיר פאַרשוין, וואָס זענען געקומען צו־פאָרן אויפן רויטן אויטאָ, זענען אויף אים טאַקע אַוועקגעפאָרן, דער שפיל־קאַסטן האָט אָפּגעשפּילט זיין מאַרש, די מאַשין האָט אַ ציטער געטון און האָט זיך אַוועקגעיאָגט.

— קעניג, — האָט געזאָגט דער שעפּעליאַוועր מאַיסייקע, דער זעלבער מאַיסייקע, וואָס נעמט ביי מיר צו די בעסטע פּלע־צער אויפן פּאַרקאַן.

איצט ווייסט איר אַלץ. איר ווייסט, ווער עס האָט דער ערשטער געזאָגט דאָס וואָרט „קיניג". געזאָגט האָט עס מאַיסייקע. איר ווייסט שוין, פאַרוואָס ער האָט אַזוי נישט אָנגערופן נישט דעם איינאוויגיקן גראַטשן און נישט דעם ווילדן קאָלקען. איר ווייסט אַלץ. אָבער וואָס איז די פּעולה? אויפן נאָז האָט איר נאָך אַלץ ברילן, און אין האַרצן — דעם הערבסט?

דער פֿאָטער

אפרים גראַטש האָט אַמאָל אַ ווייב געהאַט. עס איז שוין זייער לאַנג, אַ מעשה פון אַ צוואַנציק יאָר. אפרימס ווייב האָט דאַמאָלס אַ מיידעלע געבוירן, און אַליין איז זי אין קימפעט געשטאָרבן. דעם מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן — בתיה. איר באבע פון דער מוטערס צד האָט געוווינט אין טולטשין, אין דער זשעדנער בלינדלעכער פּראָווינץ-שטאָט טולטשין. די אַלטע האָט ניט ליב געהאַט דעם איידעם. זי פלעגט זאָגן וועגן אים: אפרים איז אַ בעל־עגלה, ער האָט שוואַרצע פערד, אָבער אפרימס נשמה איז אַ סך שוואַרצער פון די שוואַרצע פערד זיינע...

די אַלטע האָט ניט ליב געהאַט דעם איידעם און זי האָט גענומען צו זיך די ניי-געבוירענע.

צוואַנציק יאָר האָט זי דאָס מיידעלע געהאַלטן ביי זיך, דערנאָך איז זי אַוועקגעשטאָרבן. האָט זיך בתיהקע אומגעקערט צו איר טאַטן. פאַרגעקומען איז עס אַזוי:

מיטוואָך דעם פינפטן האָט די געזעלשאַפט „דרייפוס" געשיקט אפרים גראַטשן אָפּצופירן וויין פון זייערע סקלאַדעס אין האַפן אַריין, אויפן שיף „קאַלעדאָניע". צו אָוונט צו האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט און האָט זיך געלאָזט פאָרן אַהיים, ווען ער האָט זיך פאַרקערעוועט פון פּראָכאָווער גאַס, איז אים אַקעגן געקומען דער שמיד איוואַן פיאַטירובעל.

— וואָס מאַכסטו גראַטש,—האָט איוואַן פּיאַטירובעל געזאָגט,—עפּעס אַ פרוי רייסט זיך צו דיר אין דער וווינונג אַריין...

גראַטש איז צוגעפאָרן און האָט דערזען בײַ זיך אויפן הויף אַ פרוי אַ ריזיק הויכע, זי האָט געהאַט גוואַלטיק ברייטע קריזשעס און באַקן פון ציגל־קאָליר.

— טאַטע,—האָט זי אַ דונער געטון מיט אַ באַסאָווע שטימע,—מיך כאַפּט שיר דער רוח ניט אַוועק פון לאַנגווײַליקייט. אַ גאַנצן טאָג וואַרט איך אויף אייך... זייט וויסן, אַז די באַבע פון טולטשין איז געשטאָרבן.

גראַטש איז געשטאַנען אויף זײַן וואָגן און האָט אויסגעגלאָצט אויף דער טאָכטער אַ פּאָר אויגן.

— דריי זיך ניט אַרום די פערד,—האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריען,—נעם אָן דעם מיטלסטן פאַרן צוימל, ווילסט מיר די פערד פטרן,—נישט אַנדערש...

גראַטש איז געשטאַנען אויף דער פור און האָט געפאָכעט מיט דער בײַטש, בתיהקע האָט גענומען דעם מיטלסטן פאַרן צוים און האָט צוגעפירט די פערד צום שטאַל. זי האָט זיי אויסגעשפּאַנט און אַוועק זיך פאָרען אין קיך. דאָס מיידל האָט אויפגעהאָנגען אויף אַ שטריק דעם פאָטערס אַניצע, אויסגעשייערט מיט זאַמד דעם פאַררויכערטן טשייניק און צוגעשטעלט קאָכן דאָס פלייש אין אַ קעסל פון גוס־אײַזן.

— בײַ אייך איז שוין איינמאָל אַ שמוץ, — האָט זי געזאָגט און האָט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער די דורכגעפוילטע פעלצלעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד,—אָבער איך וועל שוין דעם שמוץ אויסראָטן,— האָט בתיהקע אַ געשריי געטון און האָט דערלאַנגט דעם פאָטער עסן.

דער אַלטער האָט אַ טרונק געטון בראָנפן פון דעם עמאַלירטן טשייניק און האָט אויפגעגעסן דאָס פלייש, און פונם פלייש האָט אויף אים אַן עטעם געטון מיט די גליקלעכע קינדער־יאָרן. שפּעטער האָט ער גענומען זײַן בײַטש און איז אַרויס צום טויער. נאָך אים איז אויך בתיהקע אַרויס. זי האָט אָנגעטון מענערישע שטיוולען, אַן אָראַנזש־פאַרביק קלייד,

אַ קאַפּעלוש, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט פייגל, און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. דער אָוונט האָט זיך געדרייט נעבן דער באַנק, פון יענער זייט פּערעסיפּ איז דאָס פינקלדיקע אויג פון דעם זון-אונטערגאַנג געפאַלן אין ים-אַריין. און דער הימל איז געווען רויט, ווי אַ רויטע ציפער אין אַ לוח. דער האַנדל אויף דאַלניצקע גאַס האָט זיך איינגעשטילט, און די „באַליאַטשקעס" זענען געפאָרן פאַרביי דער שטומער גאַס צו יאָסקע סאַמועלסאָנס שאַנד-הויז. פאַרפוצטע, ווי בלומען-פויגל אין קאָלירטע רעקלעך, זענען זיי געפאָרן אין די לאַקירטע קאָטשן. די אויגן זענען ביי זיי געווען אויסגעגלאָצט, איין פוס האָבן זיי געהאַלטן אַראָפּגעהאָנגען, און אין דער שטאָלענער אויסגעצויגענער האַנט האָבן זיי געהאַלטן בו-קעטן, וואָס זענען געווען פאַרוויקלט אין פאַפּיראָס-פאַפּיר. די אָפּגעלאַקירטע פורלעך זייערע האָבן זיך גערוקט פאָרויס טראָט ביי טראָט, אין יעדן קאָטש איז געזעסן איין פאַרשוין מיט אַ ריזיקן בוקעט. און די אָנטרייבערס, וואָס האָבן געטאַרטשעט אויף די הויכע קעלניעס, זענען געווען באַפּוצט מיט סטענגעס, ווי אונטערפירערס אויף אַ חתונה. אַלטע יידענעס אין טשיפּקעס האָבן זיך פויל צוגעקוקט צום גאַנג פון דער געוויינלעכער פּראָצעסיע — זיי זענען צו אַלץ געווען גלייכגילטיק, די אַלטע יידענעס, און נאָר די זין פון די קרעמער און שיף-מייסטערס זענען מקנא געווען די קיסרים פון מאַלדאָוואַנקע.

סאָלאָמנטשיק קאַפּלון, דער זון פונם שפּייז-קרעמער, און מאָניע אַרטילעריסט, דעם קאָנטראַבאַנדיסטס זון, זענען געווען פון די, וואָס האָבן געוואָלט אָפּווענדן אַלעמענס אויגן פון דעם פרעמדן גלאַנץ. זיי זענען ביידע פאַרבייגעגאַנגען נעבן בתיהקע גראָטש און האָבן צו איר געוווּנקען מיט אַן אויגל. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבן איר און האָבן זיך אין גאַנג געוויגט, די מיידלעך, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע, זיי האָבן זיך אַ שושקע געטון צווישן זיך און גענומען ווייזן מיט די הענט, ווי אַזוי זיי וואָלטן אַרומגענומען בתיהקען, ווען זי וואָלט אויף דעם באַשטאַנען. און בתיהקע איז אויף דעם באַ-

שטאַנען, ווייל זי איז געווען אַ פּראָסט מיידל פון טולטשין פון דער זשעדנער, בלינדלעכער פּראָווינץ-שטאָט טולטשין. זי האָט געהוֹיגן אַ פּוד פינף מיט נאָך אַ פּאָר פונט דערצו, איר גאַנץ לעבן האָט זי פאַרבראַכט צווישן דעם גיפטיקן שפּראָך פון די פּאָראָליער מעקלערס, צווישן רייזנדער מוכר־ספרימניקעס און וואַלד ליפעראַנטן, און אַזעלכע מענטשן, ווי סאָלאָמאָנטשיק קאַפּלון, האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. און דערפאַר, ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי גענומען שאַרן איבער דער ערד מיט אירע דיקע פיס אין די מענערשע שטיוולעטן, און זי האָט אַ זאָג געטון צום פאָטער:

— טאַטע,—האָס זי געזאָגט מיט אַ דונער-קול,—קוקט נאָר אָן דעם יינגנמאַנטשיק, ער האָט פיסעלעך ווי ביי אַ ליאַל-קעלע, איך וואָלט צעקוועטשט אַזעלכע פיסלעך...

— עהע, פאַניע גראַטש,—האָט אַ בורטשע געטון אַן אַל-טער ייד, וואָס איז געזעסן נישט ווייט, דער אַלטער גאָלופּ-טשיק,—איך זע, אַז דאָס קינד אייערס בעט זיך אויף פּאַשע...

— אָט אַ צרה אויף מיין קאָפּ,—האָט אפרים געענטפערט גאָלובטשיקן, ער האָט זיך אַ שפּיל געטון מיט דער בייטש, אַוועק צו זיך שלאָפן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן רויק, ווייל ער האָט ניט געגלויבט דעם אַלטן. ער האָט ניט געגלויבט דעם אַלטן און האָט זיך שטאַרק טועה געווען. גערעכט איז טאַקע געווען גאָלובטשיק, ער האָט זיך פאַרנומען מיט שדכנות אויף אונזער גאַס, און האָט געזאָגט תהלים ביי פאַרמעגלעכע מתים. ער האָט געוווּסט וועגן לעבן אַלץ, וואָס מען קאָן וויסן. אפרים גראַטש איז געווען נישט גערעכט. גערעכט איז געווען גאָ-לובטשיק.

און ווירקלעך, פון יענעם טאָג אָן האָט בתיהקע אַלע אירע אָוונטן פאַרבראַכט ביים טויער, זי איז געזעסן אויף דער באַנק און האָט זיך געגנייט דאָס אויסשטייער. טראָגעדיקע וויי-בער זענען געזעסן נעבן איר, הויפנס לייוונט האָבן געפוזיעט איבער אירע צעגומענע מעכטיקע קני. טראָגעדיקע ווייבער האָבן אין זיך איינגעזאַפּט כלערליי זאַכן, ווי אַן אייטער פון

אַ בהמה גיסט זיך אָן אויף דער פּאַשע מיט ראָזע פרילינג־מילך. און פּונקט דאַמאָלס פלעגן די מענער זייערע איינער נאָכן צווייטן קומען פון דער אַרבעט. די מענער פון די ווייבער־שלעק האָבן אויסגעקוועטשט אונטער דעם וואַסער־קראַן די צעשויבערטע בערד און שפּעטער האָבן זיי אָפּגעטראָטן דעם אָרט די הויקערדיקע זקנות. די זקנות האָבן געבאָדן אין מילטערס פעטע פּיצלעך־קינדער, געפּליעסקעט די אייניקלעך אין זייערע גלאַנצנדיקע הינטער־חלקלעך און פאַרוויקלט זיי אין די אָפּגעטראָגענע קליידלעך. און אַזוי האָט די טולטשינער בתיהקע דערזען דאָס לעבן פון מאָלדאַוואַנקע, דער ברייטהאַרציקער מוטער אונזערער. זי האָט דערזען דאָס לעבן, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זויגנדיקע קינדער, צעהאָנגענע נאַסע שמאַטעס און חופּה־נעכט; דאָס לעבן, וואָס איז פול מיט פאָרשטאָטישן גלאַנץ און זעלנערישער אומדערמידלעכקייט. דעם מיידל האָט זיך אויך פאַרגליסט צו פירן אַזאַ מין אָרט לעבן, אָבער זי האָט זיך גיך דערוווסט, אַז די טאָכטער פון דעם איינאויגיקן גראַטש האָט נישט וואָס צו וואַרטן אויף אַ לייטישן שידוך. דאַמאָלס האָט זי אויפגעהערט צו רופן איר טאַטן—טאַטע.

— געלער גנב, — האָט זי אין די אויגן געשריגן צו אים, — געלער גנב, גייט שוין עסן...

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז בתיה האָט זיך נישט אויפגעניייט זעקס נאַכט־העמדער און זעקס פּאָר אונטער־הויזן מיט שפּיצן. ווען זי האָט געענדיקט אונטערצונייען אַלע שפּיצן, האָט זי זיך צעוויינט אויף אַ דינינקן קול, וואָס איז אינגאַנצן נישט געווען ענלעך צו איר שטים, און האָט דורך טרערן געזאָגט צו דעם איינגעשפּאַרטן גראַטש:

— אַלע מיידלעך — האָט זי צו אים געזאָגט, — האָבן זיך זייער אינטערעס און לעבן. און נאָר איך אַליין לעב, ווי אַ נאַכט־וועכטער ביי אַ פרעמדן סקלאַד. אָדער טוט מיט מיר עפּעס, טאַטע, אָדער איך נעם זיך דאָס לעבן...

גראַטש האָט אויסגעהערט זיין טאָכטער ביזן סוף, אָנגעטון דיין לייוונטן רעקל און איז אויפן צווייטן טאָג אַוועק צו

גאַכט צו דעם שפּייז־קרעמער קאַפּלון אויף דעם פּריוואָזנעם פּלאַץ.

אויף קאַפּלונס געוועלב האָט שימערירט אַ גאָלדענע שילד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע געוועלב אויף דעם פּרי־וואָזנעם פּלאַץ. אין דעם געוועלב איז געווען אַ ריח פון אַ סך ימען און פון וווּנדערבאַרע לעבנס, וואָס מיר האָבן פון זיי קיין אַנונג נישט. אַ יינגל האָט מיט אַ שפּריץ־קענדל באַגאָסן די קילע טיפּענישן פון דעם געוועלב און האָט בשעת מעשה געזונגען אַ ליד, וואָס פּאַסט צו זינגען נאָר פּאַר דערוואַקסע־נע. סאָלאָמאָנטשיק דעם באַלעבאָס זון איז געשטאַנען ביים פּאַרקויף־טיש. אויפן פּאַרקויף־טיש זענען אָוועקגעשטעלט גע־וואָרן איילבירטן פון גריכנלאַנד, מאַרסעלער בוימל, קאַווע־קערנדלעך, ליסאַבאָנער מאַלאַגע, סאַרדינען פון דער פירמע „פּיליפּ און קאַנאָ" און קייענער פעפער. קאַפּלון איז געזעסן אין וועסטל אַנטקעגן דער זון אין דעם גלעזערנעםביידל און האָט געגעסן רויטן אַרבוז מיט שוואַרצע קערנדלעך, וואָס זע־נען געווען שמאָלינקע־לענגלעכע, ווי די אויגן פון קלוגיטשקע כינעזערינס. קאַפּלונס בויך איז געלעגן אויפן טיש אַנטקעגן דער זון, אין די זון האָט נישט געקענט זיך קיין עצה געבן מיטן בויך. אָבער שפּעטער האָט דער קרעמער דערזען גראַטשן אין דעם לייוונטענעם רעקל און ער איז שטאַרק בלייך גע־וואָרן.

— גאָט העלף, מאָסיע גראַטש, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך אָפּגערוקט, — גאָלובטשיק האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איר וועט זיין, האָב איך צוגעגרייט פון אייערטוועגן אַ פונטל טיי, וואָס איז באמת אַ זעלטנהייט...

און ער האָט גענומען רעדן וועגן דעם נייעם מין טיי, וואָס איז געבראַכט געוואָרן קיין אָדעס אויף די האָלענדישע שיפן. גראַטש האָט אים אויסגעהערט מיט געדולד, אָבער שפּע־טער האָט ער אים איבערגעשלאָגן, ווייל ער איז געווען אַ מענטש אָן קונצן, אַ פּשוטער בשר־ודם.

— איך בין אַ מענטש אָן קונצן, אַ פּשוטער בשר ודם, —

האָט אפרים געזאָגט, — איך גיב זיך אָפּ מיט מיינע פּערד און פאַרנעם זיך מיט מיין מלאכה. איך געב בתיהקען אין נדן בייע וועש און אַ פּאָר אַלטע גראָשנס, און איך אַליין בין אויך דאָ נעבן איר, ווען דאָס איז קאַרג, מעג יענער ברענען אויף אַ פייער.

— וואָס דאַרפן מיר עפּעס ברענען? — האָט קאַפּלון גיך געענטפערט און האָט אַ גלעט געטון די האַנט פונם בעל-עגלה — צו וואָס טויגן אַזעלכע ווערטער, מאָסיע גראַטש, איר זענט דאָך ביי אונז אַ מענטש, וואָס איז ביכולת צו העלפן אַ צווייטן מענטשן, און דערווייל קאָנט איר דאָך אויך אַ צווייטן באַעוולען, און דאָס, וואָס איר זענט נישט קיין קראָקער רב, בין איך דאָך אויך נישט מיט משה מאָנטעפיאָרעס פלעמעניצע אונטער דער חופּה געשטאַנען, אָבער... אָבער מיר האָבן דאָ מאַדאַם קאַפּלון, די גרויסאַרטיקע דאַמע, מאַדאַם קאַפּלון, וואָס גאָט אַליין וועט ביי איר נישט דערגיין, וואָס זי וויל...

— און איך ווייס, — האָט גראַטש מיט אַ רויקייט איבערגעשלאָגן דעם קרעמער, — איך ווייס, אַז סאַלאַמאָנטשיק וויל בתיהקען. אָבער מאַדאַם קאַפּלון וויל מיך נישט...

— יאָ, איך וויל אייך נישט. — האָט דאַמאָלס אויסגעשריגן מאַדאַם קאַפּלון, וואָס האָט זיך אונטערגעהערט ביי דער טיר און זי איז אַריין אין דעם גלעזערנעםביידל אַריין, אַ צעפלאַמטע, מיט אַן אויפגערעגטער ברוסט, — איך וויל אייך נישט, גראַטש, ווי אַ מענטש וויל נישט דעם טויט; איך וויל אייך נישט, ווי אַ כלה וויל נישט קיין פאַרך אויפן קאָפּ. פאַרגעסט נישט, אַז דער זיידע אונזערער, עליו השלום, האָט געהאַלטן אַ שפּייז-קראָם, אַז דער פאָטער, עליו השלום, איז געווען אַ שפּייז-קרעמער, און מיר דאַרפן זיך האַלטן ביי אונזער בראַנזשע.

— האַלט זיך ביי אייער בראַנזשע, — האָט גראַטש געענטפערט דער צעפלאַמטער מאַדאַם קאַפּלון און איז אַוועק צו זיך אַהיים.

דאָרט האָט געוואַרט אויף אים בתיהקע, אַ פאַרפּוצטע

אין איר אָראַנזשן־קלייד, אָבער דער אַלטער האָט אויף איר קיין קוק נישט געטון, צעשפּרייט זיין פּעלץ אונטערן וואָגן, געלייגט זיך שלאָפן און איז געשלאָפן אַזוי לאַנג, ביז בתיהקעס מעכטיקע האַנט האָט אים נישט אַרויסגעשמיצט פון אונטערן וואָגן אַרויס.

— געלער גנבֿ, — האָט דאָס מיידל אַרויסגעלאָזט אַ מורמל, וואָס איז גאָרנישט געווען ענלעך צו אירס אַ מורמל,— פאַרוואָס דאַרף איך איבערטראָגן אייערע בעל־עגלהשע שטיק און פאַרוואָס שווייגט איר, ווי אַ קלאָץ, געלער גנבֿ? איר?...

— בתיהקע, — האָט זיך דאַמאָלס מיט אַ שרעקלעכער רויקייט אָנגערופן גראַטש, — סאַלאַמאָנטשיק וויל דיך, אָבער מאַדאַם קאַפּלון וויל מיך נישט... דאָרט זוכט מען אַ שפּיין־קרעמער.

דאָ האָט דער אַלטער פאַריכט דעם פּעלץ און איז ווײַ־טער אַרונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן, און בתיהקע איז אַוועק פון הויף...

די מעשה איז געווען שבת, אין טאָג, ווען מ׳איז פריי פון אַרבעט. דער פּורפּור אויג פונם זון־אונטערגאַנג האָט גע־שאָרט איבער דער ערד און האָט זיך אין אָוונט אָנגעשטויסן אויף גראַטשן, וואָס האָט געכראַפּעט אונטער זיין וואָגן. אַ תאַסטיקער שטראַל האָט זיך מיט אַ פלאַמענדיקן פאָרוווּרף אָנ־געשפּאַרט אויפן שלאָפנדיקן און האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער דאַלניצקער גאַס, וואָס האָט געשטויבט און געגלאַנצט, ווי גרינער קאָרן אויפן ווינט. טאָטערן זענען געגאַנגען אַרויף אי־בער דאַלניצקער גאַס, טאָטערן און טערקן מיט זייערע מולעס. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון תפילה טון אין מעקאַ צו זיך אַהיים, אין די אָרענבורגער סטעפּעס און אין טראַנסקאַווקאַז. אַ שיף האָט זיי געבראַכט קיין אָדעס און זיי זענען געגאַנגען פון דעם פּאָרט אין דעם אַריינפאָרהויז פון ליובקע שנייוויס, מיטן צונעמעניש ליובקע־קאָזאַק. געשטרייפטע האַרטע קאַפּאָטעס זענען געזעסן אויף די טאָטערן און פאַרפלייצט דעם ברוק מיטן בראָנזענעם שווייס פונם מדבר. אַרום זייערע פעסקעס זענען

געווען אַרומגעוויקלט ווייסע האַנטעכער, אַלס אַ צייכן, אַז די מענטשן זענען געווען אויפן נביאס קבר. די בעל-תפילהניקעס זענען דערגאַנגען ביזן עק גאַס און האָבן פאַרקערעוועט צו ליובקעס הויף, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דורכשפאַרן, ווייל ביים טויער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. ליובקע שנייוויס, מיט אַ בייטל ביי דער זייט, האָט געשלאָגן אַ שיכורן גוי און אַרויסגעשטופט אים אויף דער גאַס. מיט אַ שטייפן קולאַק האָט זי אים געהאַקט אין זיין פנים, ווי אין טאַצן אַריין, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן דעם גוי, ער זאָל זיך נישט אַוועקרייסן. ריטשקעלעך בלוט האָבן געיושעט ביים גוי צווישן די ציין און לעבן דעם אויער, ער איז געווען פאַרטראַכט און ער האָט געקוקט אויף ליובקען, ווי מען קוקט אויף אַן אומבאַקאַנטן מענטש, שפעטער איז ער אַ פאַל געטון אויף די שטיינער און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. דאַמאָלס האָט ליובקע אים אַ שטופ געטון מיטן פוס און האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין געוועלב. איר שומר יוזל האָט פאַרשפאַרט דעם טויער און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו אפרים גראַטשן, וואָס איז געגאַנגען פאַרביי.

— וואָס מאַכט איר, גראַטש? — האָט ער געזאָגט,—אויב איר ווילט זיך צוקוקן צום לעבן, טאָ קומט אַריין צו אונז אין הויף, עס איז דאָ פון וואָס אָפצולאַכן...

און דער שומר האָט צוגעפירט גראַטשן צו דער וואַנט, דאָרט זענען געזעסן די בעלי־תפילהניקעס, וואָס זענען אַנומלט אָנגעקומען אַהער. פון אַלטער טערק אין אַ גרינער טשאַלמע. אַן אַלטער טערק, וואָס איז געווען גרין און גרינג, ווי אַ בלאַט, איז געלעגן אויפן גראָז. ער איז געווען באַדעקט מיט אַ פערלדיקן שווייס, ער האָט שווער געאָטעמט און האָט שטאַרק געדרייט מיט די אויגן.

— זעט איר, — האָט געזאָגט יוזל און האָט פאַריכט דעם מעדאַל אויף זיין אויסגערייבענעם רעקל. — אָט האָט איר אַ לעבנס-דראַמע פון דער אָפער „די טערקישע קרענק”. ער האַלט ביים שטאַרבן, דער אַלטיטשקער, אָבער קיין דאָקטאָר טאָר מען

צו אים נישט רופן, ווייל דער, וואָס שטאַרבט אויפן וועג פון זייער גאָט מאַהאַמעד צו זיך אַהיים, דער רעכנט זיך ביי זיי פאַרן גליקלעכסטן און רייכסטן... כאַלוואַש, — האָט יוזל אַ גע־שריי געטון צום גוסס און האָט זיך הויך צעלאַכט, — אָט גייט דער דאָקטאָר צו דיר...

דער טערק האָט אַ קוק געטון אויפן שומר מיט אַ קינ־דערשן שרעק און מיט שנאה און האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. דאַמאָלס האָט יוזל צופרידן מיט זיך אַליין, אַוועקגעפירט גראַטשן אויף דער אַנדערער זייט הויף, צום וויין־קעלער, אין וויין־קעלער האָבן שוין געברענט לאָמפּן און געשפּילט מוזיק. אַלטע יידן מיט שמוציקע בערד האָבן געשפּילט רומענישע און יידישע ניגונים, מענדל קרוק האָט ביים טיש געטרונקען וויין פון אַ גרינעם גלאָז און האָט דערציילט וועגן דעם, ווי זייער אייגענער זון — דער עלטערער בעניע און דער יינגערער ליאווקא — האָבן אים צעמאַזיקט. ער האָט אַרויסגעוואַלדעוועט זיין מעשה מיט אַ הייזעריקן שרעקלעכן קול, ער האָט באַוויזן זיינע צעמאָלטע ציין און געגעבן אָנטאַפּן זיינע ווונדן אויפן בויך. הינטער זיין בערגל זענען געשטאַנען וואָלינער רביים מיט פאָרצעלייענע פנימער. פאַרגליווערטע, האָבן זיי זיך צו־געהערט צו זיין באַרימעריי. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָנחידושן מיט דעם אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט, און גראַטש האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט גרויס אַכטונג דערפאַר.

— אַלטער באַרימער, — האָט ער אַ מורמל געטון וועגן מענדלען און האָט פאַר זיך באַשטעלט וויין.

שפּעטער האָט אפרים צוגערופן צו זיך די בעל־הביתטע ליובקע קאָזאַק. זי האָט גערעדט מיאוסע רייד ביי דער טיר און האָט שטייענדיקערהייט געטרונקען בראָנפן.

— רעד דיבורים,—האָט זי אַ געשריי געטון צו אפרימען און פול מיט רציחה אַ דריי געטון מיט די אויגן.

— מאַדאַם ליובקע, — האָט איר אפרים געענטפערט און האָט זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך, — איר זענט אַ קלוגע פרוי, און איך בין געקומען צו אייך, ווי צו אַן אייגענער מאַמע. איך

פאַרלאָז זיך אויף אייך, מאַדאַם ליובקע, — פריער אויף גאָט און דערנאָך אויף אייך...

— רעד דיבורים, — האָט ליובקע אַ געשריי געטון, גע־געבן אַ לויף איבערן גאַנצן קעלער און האָט זיך שפּעטער אומ־געקערט אויף איר אָרט.

און גראַטש האָט געזאָגט:

— אין די קאָלאָניעס,—האָט ער געזאָגט האָבן די דייטשן אַ רייכע גערעטעניש אויף ווייץ, און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז שפּייז-סחורה האַלב אומזיסט. אַ פּוד איילבירטן קויפט מען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר דריי רובל, און מען פאַרקויפט זיי דאָ צו דרייסיק קאָפּיקעס אַ פונט... די שפּייז-קרעמער גייט גוט, מאַדאַם ליובקע, די שפּייז־קרעמער שפּאַצירן אַרום, זייער פעטע, און אויב מען זאָל צוגיין צו זיי מיט איידעלע הענט, קאָן אַ מענטש דערביי גליקלעך ווערן... אָבער איך בין געבליבן אַליין ביי מיין אַרבעט; ליאָווע ביק, עליו השלום, איז גע-שטאָרבן, אויף קיין שום הילף האָב איך נישט וואָס צו וואַרטן, און, ווי איר זעט, בין איך אַליין, ווי גאָט איז אַליין אין הימל...

— בעניע קרוק, — האָט ליובקע דאַמאָלס געזאָגט, — דו האָסט אים אויסגעפּרוווט אויף טאַרטאַקאָווסקען, מיט וואָס איז דיר שלעכט בעניע קרוק?

— בעניע קרוק, — האָט גראַטש איבערגעחזרט, מיט התפּעלות, — און ער איז דאָך אַ בחור, דאַכט זיך מיר?...

— ער איז אַ בחור, — האָט ליובקע געזאָגט, — דריי אים אַרום מיט בתיהקען, גיב אים געלט, מאַך פון אים אַ מענטש...

— בעניע קרוק, — האָט דער אַלטער איבערגעחזרט, ווי אַ ווידערקול, ווי אַ ווייטער ווידערקול, מיר איז עס גאָרנישט איינגעפאַלן...

ער איז אויפגעשטאַנען און נישט אויפגעהערט צו מורמ-לען און צו שטאַמלען. ליובקע האָט זיך געלאָזט לויפן פאָרויס. און אַ פרייד האָט זיך נאָך איר נאָכגעשלעפּט פון הינטן, זיי זענען אַרויס אויפן הויף און האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן

צווייטן שטאָק. דאָרט, אויפן צווייטן שטאָק, האָבן געוווינט די פּרויען, וואָס ליובקע האָט געהאַלטן פאַר די אורחים.

— אונזער חתן איז ביי קאַטיושען, — האָט ליובקע געזאָגט צו גראַטשן, — וואַרט צו אויף מיר אין קאָרידאָר, — און זי איז אַדורך אין דעם לעצטן צימער. דאָרט איז געלעגן בעניע קרוק מיט אַ פּרוי, וואָס האָט געהייסן קאַטיושע.

— געננוג שוין צו סלינען, — האָט די בעל-הביתטע געזאָגט צום יונגנמאַן, — פריער דאַרף מען זיך געפינען אַ תכלית, בענטשיק, און שפּעטער קאָן מען שוין לאָזן סלינעס... אפרים גראַטש זוכט דיך. ער זוכט אַ מענטש אויף אַרבעט און קאָן אים נישט געפינען...

און זי האָט דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געוווסט וועגן בתיהקען און וועגן די געשעפטן פון דעם איינאויגיקן גראַטש.

— איך וועל זיך באַקלערן, — האָט איר בעניע געענטפערט און ער האָט צוגעדעקט מיטן ליילעך קאַטיושעס נאַקעטע פיס, — איך וועל זיך באַקלערן, זאָל דער אַלטער צוואַרטן אויף מיר...

—וואַרט צו אויף אים,—האָט ליובקע געזאָגט צו אפרימען, וואָס איז געבליבן אין קאָרידאָר, — וואַרט צו אויף אים, ער וועט זיך באַקלערן.

די בעל-הביתטע האָט צוגערוקט אפרימען אַ בענקל, און ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַ וואַרטן אָן אַ סוף. ער האָט געוואַרט געדולדיק, ווי אַ גוי אין אַ קאַנצעלאַריע. פון יענער זייט וואַנט האָט קאַטיושא געקרעכצט און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. דער אַלטער האָט אָפּגעדרימלט צוויי שעה ביי איר פאַרשפּאַרטער טיר, צוויי שעה, און אפשר, נאָך מער. פון דעם אָוונט איז שוין לאַנג נאַכט געוואָרן, דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן און די מילך-וועגן פון דעם הימל, זענען פול געוואָרן מיט גאָלד, מיט גלאַנץ און מיט קילקייט. ליובקעס וויין-קעלער איז שוין געווען פאַרמאַכט, די שיכורים האָבן זיך געוואַלגערט אין הויף, ווי צעבראָכן מעבל, און דער אַלטער חולה מיט דער גרינער טשאַלמע איז געשטאָרבן צו חצות, שפּעטער איז די

מוזיק געקומען פון ים, די וואלטארנעס און טרומייטערס פון די ענגלישע שיפן, די מוזיק איז געקומען פון ים און איז שטיל געבליבן, אָבער קאַטיושע, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין צעברעכן פאַר בעניע קרוק איר קאָלירטן, רוסישן, פאַר-רויטלטן גן־עדן. זי האָט געקרעצט פון יענער זייט וואַנט און האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער; דער אַלטער אפרים איז אומבאַוועגלעך געזעסן ביי איר טיר. ער האָט געוואַרט ביז איינס אַ זייגער ביינאַכט און שפּעטער האָט ער אָנגעקלאַפּט.

— מענטש, — האָט ער געזאָגט, — מאַכסט חוזק פון מיר?

דאַמאָלס האָט בעניע לסוף אויפגעעפנט די טיר פון קאַטיושעס צימער.

— מאסיע גראַטש, — האָט ער געזאָגט אַ פאַרשעמטער און שיינענדיקער און ער האָט זיך פאַרדעקט מיטן ליילעך, — ווען מיר זענען יונג, מיינען מיר, אַז פרויען זענען סחורה, אָבער דאָס איז דאָך נישט מער ווי שטרוי, וואָס כאַפּט זיך אָן פון גאָרנישט...

און ער האָט זיך אָנגעטון, צורעכט געמאַכט קאַטיושעס געלעגער, אויפגעשלאָגן אירע קישנס און איז אַרויס מיטן אַלטן אויף דער גאַס. שפּאַצירנדיק זענען זיי צוגעקומען צום רוסישן צווינטער און דאָרט ביים צווינטער זענען זיך צונויפגעגאַנגען די אינטערעסן פון בעניע קרוק און דעם איינאויגיקן גראַטש, דעם באַוווסטן נאַליאַטשיק. זיי זענען זיך צונויפגעגאַנגען אויף דעם, אַז בתיהקע גיט איר צוקונפטיקן מאַן דריי טויזנט רובל נדן, צוויי מאַסט־פערד און אַ שנירעלע פערל. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן דעם, אַז קאַפּלון איז זיך מתחייב באַצאָלן צוויי טויזנט גילדן בעניען, בתיהקעס חתן.

קאַפּלון פון פריוואָזנע פּלאַץ האָט עפּעס איר אָנגערירט דעם כבוד פון דער משפחה, ער איז נתעשר געוואָרן אויף די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער איילבירטן, ער האָט זיך לייכטזיניק באַ-צויגן צו בתיהקעס ליבע, דערפאַר טאַקע האָט בעניע קרוק גע-נומען אויף זיך אַרויסצובאַקומען פון קאַפּלונען צוויי טויזנט רובל.

— כ׳נעם דאָס אויף זיך, שווער — האָט ער אַ זאָג גטועז צו זיין צוקונפטיקן שווער! — מיט גאָטס הילף, מיר וועלן זיך אין באַקאַליי־געוועלבניקעס נוקם זיין...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַרטאָג ווען די נאַכט איז שוין אַוועק.

— און ערשט איצט הויבט זיך אָן אַ פרישע געשיכטע וועגן דעם בראָך אין קאַפלונס הויז, ווי ער ווערט פון די ביינאַכטיקע שיסערייען און שרפות מיט דער צייט אַ יורד. און זייער גורל: פונם שמאַלצגרוב קאַפלון און פון דעם מיידל בתיהקע, איז באַשטימט געוואָרן אין יענער נאַכט, ווען איר פאָטער און איר פלוצימדיקער חתן האָבן שפּאַצירט נעבן דעם רוסישן צווינטער. בחורים האָבן געפירט מיידלעך הינטערן פאַרקן, און הילכיקע קושן האָבן זיך געטראָגן איבער די מצבות.

ליובקע קאָזאַק

אויפֿן ראָג פֿון דאַלניצקער און באַלקאָווסקער גאַסן, אויף מאָלדאַוואַנקע, שטייט דאָס הויז פֿון ליובקע שנייוויס. דאָרט געפֿינט זיך אַ ווײַן־קעלער, אַן אַרײַנפֿאָרהויז, אַ האָבער געוועלב און אַ טויבנשלאַק פֿון אַ הונדערט פּאָר קריוקאָווער און ניקאָלייעווער טויבן. די אַלע געוועלבן און אויך דאָס שטיקל פּלאַץ, נומער זעקסאונפֿערציק, וואָס אויף אָדעסער שטיינברוכן, געהערן צו ליובקע שנייוויס, מיטן צונעמעניש ליובקע קאָזאַק, און נאָר דער טויבנשלאַק איז שייך צו יוזל דעם שומר, דעם אויסגעדינטן זעלנער מיטן מעדאַל. יעדן זונטיק גייט יוזל אַרויס אויפֿן אָכאָטניצקער פּלאַץ, און דאָרט פֿאַרקויפֿט ער זײַנע טויבן די באַאַמטע פֿון שטאָט און דער שכנישער חברה יינגלעך. אויסער יוזלען וווינט נאָך אויף ליובקעס הויף פּעסיע־מינדל, אַ קעכערן און אַ „מומע” און דער פֿאַרוואַלטער צודעטשקיס, אַ קליין יידל, וואָס מיט זײַן וווּקס און בערדל כאַפּט ער אָן אומבליק אויף בן זכריה, דעם באַרימטן מאָלדאַוואַנישן רב אונזערן. וועגן צודעטשקיסן ווייס איך אַ סך מעשות. די ערשטע פֿון זיי איז וועגן דעם, וויאַזוי צודעטשקיס איז געוואָרן אַ פֿאַרוואַלטער בײַ ליובקע קאָזאַק אין איר אַרײַנפֿאָרהויז.

מיט אַ יאָר צען צוריק האָט צודעטשקיס אויסגעמעקלערט איינעם אַ פּריץ אַ דרעש־מאַשין מיט פֿערד צו איר, אויפֿדער־

באַלט האָט ער געבראַכט דעם פריץ צו ליובקען כדי צו „פאַר-גיסן" דאָס געמאַכטע געשעפט. דער קונה האָט געטראָגן חאָנ־סעס און איז געגאַנגען אין לאַקירטע שטיוול. פעסי מינדל האָט אים דערלאַנגט צום טיש געפילטע פיש און שפּעטער האָט זי אים געגעבן זייער אַ ווויל מיידל, וואָס האָט געהייסן נאַסטיאַ. דער פריץ האָט איבערגענכטיקט, און אינדערפרי האָט יוזל אויפגעוועקט צודעטשקיסן, וואָס איז געשלאָפן צונויפגעדרייט אין דרייען ביי דער שוועל פון ליובקעס צימער.

— זעט איר שוין, — האָט יוזל געזאָגט, — איר האָט זיך געכטן באַרימט, אַז איר האָט איינגעקויפט פאַרן פריץ אַ דרעש מאַשין,—טאָ זייט טאַקע וויסן, אַז ער האָט איבערגענעכטיקט און גאַנץ פרי איז ער אַנטרונען געוואָרן, ווי דער לעצטער יונג. איצט זייט מוחל און גיט אַהער צוויי רובל פאַרן פאַר־בייסעכץ און פיר רובל פאַר דעם פריילין. איר זענט, אַפּנים, אַלטער, דער אמתער פאַרשוין...

אָבער צודעטשקיס האָט נים אָפּגעגעבן דאָס געלט. דאַ־מאָלס האָט אים יוזל אַריינגעשטופּט אין ליובקעס צימער אַריין און האָט אים דאָרט פאַרשלאָסן.

— זעסטו שוין, — האָט דער שומר געזאָגט — דו וועסט דאָ זיין, ביז ליובקע וועט זיך אומקערן פון די שטיינברוכן. דאַמאָלס וועט זי שוין דיר, מיט גאָטס הילף, אַרויסנעמען די נשמה. אמן.

— קאַטאָרזשניק, — האָט צודעטשקיס געענטפערט דעם זעלנער און גענומען זיך אַרומקוקן אין דעם נייעם צימער,— דו ווייסט דען פון עפעס, חוץ די טויבן דיינע, דו קאַטאָרזשניק איינער, און איך גלויב נאָך אין גאָט, אַז ער וועט מיך אַרויס-פירן פון דאַנען, ווי ער האָט אַרויסגעפירט אַלע יידן—פריער פון מצרים און שפּעטער פון מדבר אַרויס...

דער קליינינטשקער מעקלער האָט נאָך אַ סך געהאַט וואָס צו זאָגן יוזלען, אָבער דער זעלנער האָט צוגענומען דעם שליסל און איז אַוועק, האַקנדיק מיט די שטיוול. דאַמאָלס האָט זיך צודעטשקיס אויסגעדרייט און האָט דערזען ביים פענסטער די „מומע" פעסיע

מינדל, וואָס האָט געליינט, די נסים פונם בעל שם טוב". זי האָט געליינט דאָס חסידישע ביכל מיטן גאָלדענעם קאַנט און האָט בשעת מעשה געוויגט מיטן פוס אַ דעמבן וויגעלע. אין וויגעלע איז געלעגן און האָט געוויינט דאַווידקע ליובקעס זון.

—איך זע דאָ פיינע פירעכצן, אויף דעם סאַכאַלין,—האָט צודעטשקיס געזאָגט צו פעסיע־מינדלען,—אָט ליגט אַ קינד און ווערט שיר נישט צעריסן אויף שטיקלעך, אַ צער בעלי־חיים צוצוקוקן, זאָג איך אייך, און אַזאַ דיקע פרוי, זיצט זיך, ווי אַ שטיין אין וואַלד און איז קליין אים צו געבן אַ סאָסקע...

— אַדרבאָ, גיט איר אים אַ סאסקע,—האָט פעסיע־מינדל געענטפערט, אָבער פון דעם ביכל זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעריסן, אויב ער וועט נאָר ביי אייך, ביי דעם אַלטן ליגנער, די סאָס־קע נעמען. איר זעט דאָך, אַז ער איז שוין גרויס, ווי אַ קאַ־צאַפּ, און וויל נאָר דער מאַמעלעס מילך, און די מאַמעלע זיי־נע שפרינגט אַרום אויף אירע שטיינבדוזכן, טרינקט מיט די יידן טיי אין דעם שענק „דער בער", קויפט איין אין האַפּן קאָנטראָ־באַנדע און טראַכט וועגן איר זון פונקט אַזויפיל, ווי וועגן דעם פאַראַיאָריקן שניי.

—יאָ,—האָט דער קלייניטשקער מעקלער דאַמאָלס צו זיך אַליין געזאָגט,—צודעטשקיס, ביסט ביי פרעהן אין די הענט,— און ער איז צוגעגאַנגען צו דער מזרח וואַנט, זיך אָפּגעפּאַרסיקט מיטן דאַוועגען אָפּגעזאָגט די מעמדות און האָט גענומען אויף די הענט דאָס וויינענדיקע קינד. דאַווידקע האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ קוק געטון און אַ שאָקל געטון מיט זיינע העל־רויטע פיסלעך, וואָס זענען געווען נאָס פון קינדערשן שווייס, און דער אַלטער האָט גענומען אַרומשפּאַצירן מיט אים איבערן צימער. ער האָט זיך געשאָקלט, ווי אַ פרומער ייד ביים דאַ־וועגען, און האָט פאַרצויגן אַן אומענדלעך ליד.

און צודעטשקיס האָט ליובקעס זון באַוויזן זיין פויסטל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גרויע האָר. ער האָט אַזוי לאַנג איבערגעחזרט וועגן די פייגן און ביגעלעך ביז דאָס יינגל איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און די זון האָט דערגרייכט ביז

צו דער מיט פון דעם גלאַנצנדיקן הימל. די זון איז דערגאַנגען ביז צו דער מיט און געגומען ציטערן ווי אַ פליג, וואָס איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון דער ברענענדיקער היץ. ווילדע גויים פון גערובייסק און טאַטאַרקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי ליובקע אין אַריינפאָר־הויז, זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער די וואָגנס און דאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן און ווילד זיך פאַרכליניט מיטן שלאָף. אַ שיכּורער בעל־מלאכה איז אַרויס צו די טויערן, אַוועקגעשליידערט זיין זעג און היבל, אַ פאַל געטון אויף דער ערד און געגומען כראָפּען אין סאַמע מיט פון דער וועלט, איינגאַנצן איינגעטונקען אין גאָלדענע פליגן און אין העל־בלויע תמוז־בליצן. נישט ווייט פון אים האָבן זיך אין שאָטן אויסגעזעצט דייטשע קאָלאָניסטן מיט געקנייטשטע פנימער, וואָס האָבן פון דער בעסאַראַביער גרעניץ, געבראַכט פון ליובקעס וועגן ויין. זיי האָבן פאַררויכערט זייערע ליולקעס, און דער רויך פון זייערע ציביקעס האָט זיך געגומען פּלאָנטערן אין די זילבערנע שטעכיקע האָר פון זייערע ניט געגאָלטע אַלטע פנימער. די זון איז אַראָפּגעהאָנגען פונם הימל, ווי אַ ראָזע צונג פון אַ דורשטיקן הונט, פון דערווייטנס האָט דער ריזיקער ים געשטורעמט דעם פּערעסיפּ, און די מאַסטבוימער פון די ווייטע שיפן האָבן זיך געחוידעט אויף דעם שמאַראַגדענעם וואַסער פון דעם אָדעסער ים־איינגאָס. דער טאָג איז געזעסן אין אַן אויסגעצירטע שיפל און איז זיך געשווומען צום אָוונט צו און אַנטקעגן דעם אָוונט, אַ זייגער פינף ערשט האָט זיך פון שטאָט אומגעקערט ליובקע. זי איז געקומען אויף אַ געפלעקט פערדל וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן בויך און אַ פאַרוואָקסענע גריווע. אַ יונג מיט אַ פּאָר גראָבע פיס, אין אַ ציצן העמדל האָט איר אויפגעעפנט דעם טויער. יוזל האָט צוגעהאַלטן דעם צוים פון איר פערד, און דאַמאָלס האָט צודעטשקיס אַ געשריי געטון צו ליובקען פון זיין געפענגעניש אַרויס:

— ברוך הבא, מאַדאַם שנייוויס, אַ גוטן טאָג אויף אייך. ווי פאַרט מען עס אַוועק אויף דריי יאָר וועגן געשעפטן און מען וואַרפט אָן א הונגעריק קינד צו מיר אויף די הענט...

האַלט דאָס מויל, פאַרזעעניש,—האָט ליובקע געענטפערט דעם אַלטן און איז אַראָפּגעקראָכן פונם זאָטל.—ווער צעפּנט דאָס אַזוי דעם פּיסק ביי מיר אין פענסטער דאָרט?

— דאָס איז דער אַלטער צודעטשקיס, אַ רעכטער פאַר־שוין,— האָט דער אַלטער מיטן מעדאַל געענטפערט דער בעל־הביתטע, און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן איר די גאַנצע מעשה מיטן פּריץ, אָבער ער האָט ביזן סוף ניט דערזאָגט ווייל דער מעקלער האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן. ער האָט זיך צעקוויטשעט אויף אַ קול.

— הערט נאָר אַ חוצפּה, — האָט ער געקוויטשעט און געטון אַ שליידער אַראָפּ זיין יאַרמולקע,—הערט נאָר אַ חוצפּה, אָנצוּוואַרפן אַ פרעמד קינד אויף די הענט און אַליין פאַרפאַלן ווערן אויף דריי יאָר... גייט שוין, גייט, גיט אים די ציצי...]

— אָט גיי איך צו דיר, אָפּעריסט דו, — האָט ליובקע אַ ברום געטון און איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ. זי איז אַריין אין צימער און האָט אַרויסגענומען פון איר פאַרשוויצט קאָפטל איר ברוסט.

דאָס ייִנגל האָט זיך אַ לאָז געטון צו איר, געביסן איר משונה־גרויסן ברוסט־וואָרצל, אָבער קיין מילך פון דאָרטן ניט אַרויסבאַקומען. ביי דער מוטער אויפן שטערן איז אַזש אַן אָדער אָנגעלאָפן, און צודעטשקיס האָט צו איר געזאָגט טרייסלענדיק מיט דער יאַרמאָלקע:

—אַלץ ווילט איר אין אייערע הענט אַריינכאַפּן, זשעדנע ליובקע איר; די גאַנצע וועלט שלעפּט איר צו זיך, ווי קינדער שלעפּן אַ טישטוך מיט ברעקעלעך פון ברויט; דעם בעסטן ווייץ און די בעסטע וויינטרויבן ווילט איר; ווייסע חלות ווילט איר באַקן אויף דער זון, און דאָס קליינע קינד אייערס, ער שיינט דאָך, ווי אַ שטערנדל, דאַרף שלינגען שפּייעכץ אָנשטאָט מילך...

—וועלכע מילך,—האָט זיך די פרוי צעשריען און אָנגע־קוועטשט די ברוסט.—אַז היינט איז אין האַפן אָנגעקומען דער „פּלוטאַרך", און איך האָב דורכגעמאַכט פופצן ווערסט אין אַזאַ היץ?... און איר רב ייִד, זינגט מיר עפּעס אַ צו לאַנג לידל,—

גיט נאָר אַהער די זעקס רובל...

אָבער צודעטשקיס האָט אויך איצט ניט אָפּגעגעבן דאָס געלט. ער האָט צעשפּיליעט זיין אַרבל, אַנטבלויזט די האַנט, און אַריינגעשטעקט ליובקען אין מויל אַריין דעם דאַרן שמוציקן עלנבויגן זיינעם.

— ווער דערוואָרגן, רעשטאַנטקע, — האָט ער געזאָגט און האָט אויסגעשפּיגן אין ווינקל.

ליובקע האָט אַ ווײַלע געהאַלטן ביי זיך אין מויל דעם פרעמדן עלנבויגן, שפּעטער האָט זי אים אַרויסגענומען פון מויל, פאַרשלאָסן די טיר אויף אַ שליסל און איז אַרויס אין הויף. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף איר מיסטער טראָטובערן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ זייל פון געלן פליש. מיסטער טראָטובערן איז געווען דער עלטסטער מעכאַניקער אויפן „פּלור-טאַרך". ער האָט געבראַכט צופירן מיט זיך צו ליובקען צוויי מאַטראָסן. איינער פון די מאַטראָסן איז געווען אַן ענגלענדער, דער צווייטער אַ מאַלאַיער. אַלע אינדרייען האָבן זיי אַריינגעשלעפּט אין הויף אַריין די פאַרבאָטענע סחורה, וואָס זיי האָבן געבראַכט צופירן פון פּאָרט-סאַיד. זייער קאַסטן איז געווען אַ שווערער, ער האָט זיך ביי זיי אַרויסגעגליטשט פון די הענט, און פון אים זענען אַרויסגעפאַלן ציגאַרן, וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין יאַפּאַנישן זייד. אַ שיר ווייבער זענען זיך צונויפגעלאָפן צום קאַסטן, און צוויי דורכגייענדיקע ציגיי-נערינס האָבן גענומען וואַקלענדיק זיך רוקן צום קאַסטן מיט אַ ליאַרם.

— אַוועק, שנאָרערס! — האָט ליובקע אָנגעשריען אויף זיי און זי האָט אַוועקגעפירט די שיף-לייט אונטער דעם שאָטן פון דער אַקאַציע, זיי האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום טיש, יוזל האָט זיי דערלאַנגט וויין, און מיסטער טראָטובערן האָט פאַנאַנ-דערגעוויקלט זיין סחורה. ער האָט אַרויסגענומען פונם פּאַק ציגאַרן און דינע זיידנס, קאָקאַין און זעגעלעך, טאַבאַק אָן באַנ-דעראָלן פון ווירגיניע און שוואַרצן וויין פונם אינזל כיאָס. יעדעס שטיקל סחורה האָט זיך געהאַט זיין פּרייז, און יעדער ציפער האָט

מען פאַרטרונקען מיט בעסאַראַבן ווײַן, וואָס האָט געשמעקט מיט זון און מיט וואַנצן. דער בין השמשות האָט זיך אַ לאָז געטון איבערן הויף, ווי אַ פאַרנאַכטיקע כוואַליע גיט זיך אַ לאָז איבער אַ ברייטן טײַך, און דער שיכּורער מאַלאַיער, האָט פאַרוווּנדערט אַ ריר געטון מיטן פינגער ליובקעס ברוסט. ער האָט אַ ריר געטון מיט איין פינגער, שפּעטער מיט אַלע פינגער נאָכאַנאַנד. זײַנע געלע און ווײַסע אויגן זענען געבליבן הענגען איבערן טיש, ווי פאַפּירענע לאַמטערנעס אויף אַ כינעזישער גאַס. ער האָט שטיל גענומען זינגען עפּעס אַ לידל און איז אַ פאַל געטון אויף דער ערד, ווען ליובקע האָט אים אַ שטופּ געטון מיטן פויסט.

— קוקט אים נאָר אָן דעם גרויסן קענער,—האָט ליובקע אַ זאָג געטון צו מיסטער טראָטובערן, — דאָס לעצטע טראָפּן מילך וועט בײַ מיר קאַליע ווערן איבער דעם מאַלייער, און יענער ייִד האָט שוין מיר אַזוי אויך אָפּגעגעסן מײַן האַרץ פאַר דער מילך...

און זי האָט אָנגעוויזן אויף צודעטשקיסן, וואָס איז געשטאַנען בײַם פענסטער און געוואַשן זײַנע שקאַרפּעטקעס. דער קלײנער לאָמפּ אין צודעטשקעסעס צימער האָט געראַנערט, זײַן שיסל האָט געשוימט און געזאָדן. ער האָט דערפילט, אַז מען רעדט וועגן אים, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער און זיך צעשריען פול מיט פאַרצווייפלונג.

— ראַטעוועט, מענטשן—האָט ער אַ געשריי געטון און אַ מאַך געטון מיט די הענט.

— האַלט דאָס מויל, פאַרזעעניש! — האָט זיך ליובקע צעלאַכט אויף אַ קול — האַלט דאָס מויל!

זי האָט אַ וואָרף געטון אין דעם אַלטן אַ שטיין, אָבער נישט געטראָפן אין אים פונם ערשטן מאָל. דאַמאָלס האָט די פרוי געכאַפּט אַ פוסטע פלאַש פון ווײַן. אָבער מיסטער טראָטובערן, דער עלטערער מעכאַניקער, האָט אַרויסגעריסן בײַ איר דאָס פלעשל, זיך געצילט און אַרײַנגעזעצט די פלאַש גלײַך אין אָפענעם פענסטער אַרײַן.

— מיס ליובקע,—האָט געזאָגט דער עלטערער מעכאַני־קער, אויפגעשטאַנען און גענומען זיך באַפעסטיקן אויף זיינע שיכורע פיס,—אַ סך פיינע מענטשן קומען צו גיין צו מיר נאָך סחורה, מיס ליובקאַ, אָבער איך גיב קיינעם ניט, ניט מיסטער קונינזאָנען, ניט מיסטער באַטיען, ניט מיסטער קופטשיקן, קיי־נעם ניט, חוץ אייך, ווייל דאָס געשפּרעך מיט אייך איז מיר צום האַרצן, מיס ליובקאַ.

און ווען ער איז שוין לסוף פעסט געשטאַנען אויף זיי־נע נישט זיכערע פיס, האָט ער אָנגענומען פאַר די אַקסלען זיינע מאַטראָסן, דעם ענגלענדער און דעם מאַלייער, און איז אַוועק מיט זיי אין אַ טאַנץ איבערן אָפּגעקילטן הויף. די מענטשן פון „פלוטארך” האָבן נעטאַנצט פּאַרטיפּט אין אַ טיפ־זיניקן שווייגעניש. אַן אָראַנזשפאַרביקער שטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ראַנד פונם האָריזאָנט און האָט זיך אויפמערק־זאַם צוגעקוקט צו זייער טאַנץ. שפּעטער האָבן זיי באַקומען זייער געלט, אָנגענומען זיך פאַר די הענט און אַרויס אויף דער גאַס. און בשעתן גאַנג האָבן זיי זיך געוויגט, ווי עס וויגט זיך אַ הענגלאָמפּ אויף אַ שיף. פון דער גאַס האָבן זיי דערזען דעם ים, דאָס שוואַרצע וואַסער פונם אדעסער ים־איינ־גוס, די שפּיל־פענער אויף די דערטרונקענע מאַסט־בוימער און די שאַרפע דורכדרינגענדיקע פייערן, וואָס זענען געווען אָנגע־צונדן אין די רוימיקע טיפענישן. ליובקע האָט באַגלייט אירע טאַנצנדיקע געסט ביזן שייד וועג. זי איז געבליבן אַליין אויף דער פוסטער גאַס, געשמייכלט צו אירע אייגענע געדאַנקען און האָט זיך אומגעקערט אַהיים. אַ פאַרשלאָפענער יונג אין אַ ציצן העמד האָט פאַרשלאָסן די טויערן, יוזל האָט געבראַכט דער באַלעבאָסטע דעם פדיון פאַרן טאָג, און זי איז אַוועק צו זיך אַרויף שלאָפן. דאָרט האָט שוין נעדרימלט פעסיע מינדל די „מומע”, און צודעטשקיס האָט מיט באָרוועסע פיסלעך געשאָקלט דאָס דעמבענע וויגל.

— איר האָט אונדז פיין אויסגעמאַטערט, אומפאַרשעמטע ליובקע,—האָט ער געזאָגט און אַרויסגענומען דאָס קינד פון ווי־

בעלע, — לערנט זיך ביי מיר, פאַסקודנע מוטער איר.

ער האָט צוגעשטעלט אַ קעמל צו ליובקעס ברוסט און אַריינגעלייגט דעם זון צו איר אין בעט אַריין. דאָס קינד האָט זיך אַ ציי געטון צו דער מוטער, זיך איינגעשטאָכן אין קעמל און האָט זיך צעוויינט. דאַמאָלס האָט דער אַלטער אונטערגע־רוקט אים די סאָסקע, אָבער דאַווידקע האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון דער סאָסקע.

— וואָס מאַכט איר עפּעס מיט מיר אַ כּישוף, אַלטער שווינדלער, — האָט ליובקע אַ מורמל געטון שוין האַלב פון שלאָף.

— שטיל, פאַסקודנע מוטער, — האָט איר צודעטשקיס אָפּגעענטפערט, שווייגט און לערנט זיך, פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן...

דאָס קינד האָט זיך ווייטער אַ שטאָך געטון אין קעמל, נישט זיכער גענומען די סאָסקע און באַלד זיך צוגעכאַפּט צו איר מיט אַ זשעדנעקייט.

— אָט, — האָט צודעטשקיס זיך צעלאַכט, — איך האָב אַנט־ווינט אייער קינד, לערנט זיך ביי מיר, פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן...

דאַווידקע איז געלעגן אין וויגל, געזויגן די סאָסקע און פון גרויס הנאה זיך באַגאָסן מיט שפּייעכץ. ליובקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, צעעפנט די אויגן און ווייטער זיי צוגעמאַכט. זי האָט דערזען איר זון און די לבנה, וואָס האָט זיך געריסן אין פענסטער אַריין. די לבנה איז געשפּרונגען אין די שוואַרצע כמאַרעס, ווי אַ פאַרבלאָנדזעט קעלבל.

— נו, גוט, — האָט ליובקע דאַמאָלס געזאָגט, — פעסיע מינדל, עפן אויף צודעטשקיסן די טיר, און זאָל ער קומען מאָרגן נאָך אַ פונט אַמעריקאַנער טאַבאַק.

אויף מאָרגן איז צודעטשקיס געקומען נאָך אַ פונט ווירזשינער טאַבאַק און אַ באַנדעראָל. ער האָט באַקומען דעם טאַבאַק און אויך אַ פערטל טיי דערצו. און אין אַ וואָך אַרום, ווען איך בין גע־קומען צו יוזלען קויפן ביי אים טויבן, האָב איך אויף ליוב־

קעס הויף דערזען אַ נייעם פּאַרוואַלטער. ער איז געווען אַ פּי־
צינקער, ווי דער רב אונזערער, רב זכריה. דער נייער פּאַר־
וואַלטער איז געווען צודעטשקיס. ער איז אויף זיין שטעלע
אָפּגעווען פופצן יאָר און אין משך פון דער צייט האָב איך זיך
אָנגעהערט וועגן אים אָן אַ שיעור מעשות. אויב מיר וועט זיך
איינגעבן וועל איך זיי אַלע דערציילן לויט אַ סדר, ווייל די
מעשות זענען זייער טשעקאַווע.

ביים באטקאָ אונזערן מאכנאָ

זעקס מאַכנאָ־לייט האָבן פאָריקע נאַכט פאַרגוואַלדיקט אַ דינסט-מיידל. איך האָב זיך וועגן דעם דערוווּסט אינדערפרי, און האָב באַשלאָסן צו גיין אַ קוק טון, ווי זעט עס אויס אַ פרוי, נאָכדעם ווי מען האָט זי פאַרגוואַלדיקט זעקס מאָל נאָכאַנאַנד. איך האָב זי געטראָפן אין קיך, זי איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער אַ באַליע וועש און האָט געוואַשן. זי איז געווען אַ גראָבע מויד מיט אַ פּאָר רויטע באַקן. נאָר דער פאַמעלעכער לעבנסשטייגער פון דער פרוכטבאַרער אוקראַינער ערד האָט געקאָנט אָנפילן דאָס יידיש-קינד מיט אַזוינע בהמהשע זאַפטן, געקאָנט אַרויפברענגען אויף איר פּנים אַזאַ פעטן גלאַנץ. דעם מיידלס פיס, פעטע, ברוינע און אָנגעבלאָזענע, ווי צוויי קולבעס, האָבן געשטינקט מיט אַ ריח, וואָס האָט געשלאָגן צום האַרצן, מיט אַ ריח פון פרישע פלייש. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער נעכטיקער מיידלשקייט אירער זענען נאָר פאַרבליבן די באַקן, וואָס האָבן געפלאַמט מער, ווי אַלעמאָל, און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן אירע.

אַחוץ דער דינסט, איז אין קיך נאָך געזעסן דאָס ייִנגל קיקין, אַ שיק־ייִנגל ביים שטאַב פון דעם באַטקאָ אונזערן מאַכנאָ. מען האָט אים אין שטאַב געהאַלטן פאַר אַ שטיקל תּם. ער האָט געקאָנט, אין דעם סאַמע נישט פּאַסנדן מאָמענט,

פלוצים דורכשפּאַצירן זיך אויפן קאָפּ. מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו טרעפן אים ביים שפּיגל. די פּיס אין אַ צע־ריסענעם זהויז האָט ער געהאַלטן אויסגעבויגן און ער האָט אונטערגעוווּנקען צו זיך אַליין, געזונגען קאַמפּס-לידער, געמאַכט זיגערישע האַוואַיעס און שיר אַליין נישט געפּלאַצט פון גע-לעכטער. די פאַנטאַזיע פון דעם יינגל האָט געקערט מעשים. היינט האָב איך אים געטראָפן ביי אַזאַ מין שטיקל אַרבעט — ער האָט אַרויפגעקלעפּט אויף אַ דייטשן העלם געגאָלדטע פּאַסן פּאַפּיר.

— וויפל אירע האָסטו נעכטן אָפּגעפּאַרטיקט, רוכליאַ? — האָט ער געפרעגט, פאַרבלענדט אַן אויגל און האָט באַטראַכט זיין פאַרפּוצטן העלם.

דאָס מיידל האָט געשוויגן.

— זעקס אירע האָסטו נעכטן אָפּגעפּאַרטיקט, — האָט ער גערעדט ווייטער, — אָבער עס זענען פאַראַן נקבות, וואָס קאָנען אַ פערזאָן צוואַנציק אָפּפּאַרטיקן. די חברה אונזערע האָט איין בעל־הביתטע געפּיקט אין קראָפּיווע, געפּיקט, זיי האָבן אַזש אַ שפּיי געטון, די יונגען אונזערע. יאָ, אָבער יענע וועט זיין אַ סך דיקער פון דיר...

— ברענג וואַסער, — האָט דאָס מיידל געזאָגט

קיקין האָט געבראַכט פון הויף אַ עמער וואַסער. שאַרנ-דיק מיט די באָרוויסע פיס, איז ער שפּעטער צוגעגאַנגען צום שפּיגל, אַרויפגעזעצט אויף זיך דעם העלם מיט די גאָלדענע סטענגעס און האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט זיך אין שפּיגל. דער שפּיגל האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער האָט אַריינגע־שטעקט זיינע פינגער אין די נאָזלעכער און גיריק זיך צוגע-קוקט, ווי אונטערן דרוק פון אינווייניק בייט זיך די פאָרם פון זיין נאָז.

— איך וועל פון דער עקספּעדיציע אַוועקגיין, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום יידיש קינד, — אָבער דו זאָג נאָר קיינעם נישט וועגן דעם, רוכליאַ. סטעצענקאַ נעמט מיך צו זיך אין עסקאַדראָן אַריין. דאָרט האָט מען לכל-הפּחות, וואָס צו

אָנטון,און כּבוד אויך און חברים וועל איך זיך דאָרט אויך געפינען. העלדישע יונגען, נישט אַזעלכע ווי דאָ, אין דער קיוואַטש־קאָמאַנדע... נעכטן, בשעת מען האָט דיך געפּאַקט, און איך האָב דיך פאַרן קאָפּ געהאַלטן, זאָג איך צו מאַטוויי וואַסי־ליטשן, — וואָס-זשע איז דאָס, אין דער אמתן, מאַטוויי וואַסי־ליטש, דער פּערטער בייט זיך שוין און איך האַלט אַלץ און האַלט, איר זענט שוין צום צווייטן מאָל, מאַטוויי וואַסיליטש אַראָפּגעגאַנגען און איך, טאָמער בין איך נישט קיין דערוואַק־סענער און נישט פון אייער חברה, קאָן מיך שוין יעדער איינ־ציקער באַעוולען... דו האָסט דאָך, מן־הסתם, רוכליאַ, אַליין גע־הערט אָט אָ די דאָזיקע ווערטער מיינע. — מיר, זאָגט ער, ווילן דיך, קיקין גאָרנישט באַעוולען, אָט זאָלן נאָר אַדורך די „דניעוואַלנע”, וועט צו דיר אויך אָנקומען... אָבער באַלד טאַקע האָבן זיי מיך געלאָזט, ווי דען... ערשט ווען זיי האָבן מיך געלאָזט, ווי דען... ערשט ווען זיי האָבן דיך אין וועלדל גע־שלעפּט, רופט זיך אָן מאַטוויי וואַסיליטש, — גיי איצט, קיקין, אויב עס גליסט זיך דיר. ניין, זאָג איך, מאַטוויי וואַסיליטש, גיין נאָך וואַסקען, דאָס וויל איך נישט, שפּעטער וועל איך זיך עס מיין גאַנץ לעבן נישט מוחל זיין...

קיקין האָט אָנגעהויבן בייז צו סאַפּען און שפּעטער איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט זיך טרויעריק פאַרקוקט אין דער ווייט אַריין. אַ לאַנגער און אַ באָרוויסער איז ער געלעגן מיט אַ נאַקעטן בויך און מיט אַ גלאַנצנדיקן העלם אויף די שטרויענע האָר.

— וואָס מען דערציילט זיך נאָר נישט אָן וועגן די מאַכנאָ־לייט און וועגן זייער העלדישקייט, — האָט ער מרה־שחורהדיק געזאָגט, — אָבער פּרוּוו מיט זיי אַ ביסל ביי איין טיש צו זיצן, זעסטו שוין, אַז יעדערער האָט גרייט ביי זיך אין בוזים אַ שטיין פאַר דיר...

דאָס יידיש־קינד האָט אויפגעהויבן פון דער באַליע איר פּנים, וואָס איז געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט, אַ קוק געטון אויפן יינגל, און איז אַרויס פון קיך מיט יענעם שווערן שפּאַן פון אַ

קאַוואַלעריסט, וואָס שטעלט נאָך אַ ווייטן וועג זיינע פאַרלאָפּע־נע פיס אויף דער ערד. דאָס יינגל איז געבליבן אַליין. ער האָט מיט אַ לאַנגווייליקן בליק זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אַ זיפץ געטון, פאַרוואָרפן די פיס אינדערהויך און, נישט געבנ־דיק קיין ריר מיט די טאַרטשנדיקע פיאַטעס, האָט ער זיך אַ לאָז געטון גיין אויף די הענט.

אַ בריוו

אָט איז אַ בריוו אַהיים, וואָס קורדיוקאָוו, דאָס ייִנגל פון אונזער עקספּעדיציע, האָט מיר דיקטירט. דער בריוו איז ווערט מען זאָל אים פאַרגעדענקען. איך האָב אים איבערגעשריבן, נישט צוגעפּוצט אים, און איצט גיב איך אים איבער וואָרט אין וואָרט, עס שטימט מיטן אמת.

„געשעצטע מאַמע, יעוודאָקיאַ פעדאָראָוונאַ קורדיוקאָוואַ. ראשית קום איך דיר מעלדן, אַז איך בין, אַ דאַנקען גאָט, געזונט און שטאַרק, גיב גאָט פון דיר דאָס נעמלעכע צו הערן. אויך זאָלסטו לאָזן גריסן גאָר פריינדלעך... (דאָ גייט אַ רשימה פון קרובים, מחותנים און באַקאַנטע. לאָמיר עס דורכלאָזן. לאָמיר איבערגיין צום צווייטן טייל).

„געשעצטע מאַמע יעוודאָקיאַ פעדאָראָוונאַ. זיי וויסן, אַז איך געפין זיך אין דער רויטער „קאָנאַרמיי"* פון דעם חבר בודיאָני, און דיין מחותן ניקאָן וואַסיליטש געפינט זיך אויך דאָ. אין איצטיקן מאָמענט שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ רויטן העלד. ער האָט מיך גענומען צו זיך אין דער עקספּעדיציע פון „פּאָליטאַטדיעל"**. מיר פירן פאַנאַנדער איבער דער-

---

* קאַוואַלעריע.

** פּאָליטישע אָפּטיילונג.

פּאָזיציע ליטעראַטור און צייטונגען — די „מאָסקווער ציק ידיעות", „מאָסקווער פּראַווּדע" און די היימישע אומברחמנותדיקע צייטונג „דער קאַוואַלעריסט", וואָס יעדער קעמפער אויף דעם פראָנט האָט חשק דורכצולייענען, און נאָכן לייענען ווערט ער איבערפולט מיט העלדישן גייסט און האַקט דעם פאַרשאָלטענעם שונא אויף וואָס די וועלט שטייט. און איך לעב זיך נעבן ניקאָן וואַסיליטשן גלענצענד ביז גאָר.

„געשעצטע מאַמע, יעוודאָקיאַ פעדאָראָוונאַ, שיקט מיר צו וואָס איר קאָנט נאָר, וואָס איר זענט נאָר בכח צוצושיקן. איך בעט אייך צו שחטן דעם גרויען הזרל און מאַכן מיר אַ פּעקל אין „פּאָליטאָטדיעל" פון דעם חבר בודיאָני, איבערגעבן וואַסילען קורדיוקאָוון. יעדן מעת-לעת לייג איך זיך שלאָפן נישט געגעסן און אָן אַ שום מלבוש, אַזוי אַז עס איז מיר מסוכן קאַלט. שרייב מיר אָן אַ בריוו מכח מיין סטיאָפּען, צי לעבט ער נאָך, אָדער ער לעבט שוין נישט, און בעט אייך, גיט אַכטונג אויף אים און שרייבט מיר אָן מכח אים — הינקט ער נאָך צו, צי ער האָט שוין אויפגעהערט, און אויך וועגן דעם קרעץ אויף די פאָדערשטע פיס זיינע, צי האָט מען אים אונטערגעקאָוועט צי ניין. איך בעט אייך, געשעצטע מאַמע, יעוודאָקיאַ פעדאָראָוונא, וואַשט אַרום אומבאַדינגט זיינע פאָדערשטע פיס מיט דער זייף, וואָס איך האָב באַהאַלטן אונטער די הייליקע בילדער, און אויב דער טאַטע האָט די זייף פאַרניכטעט, טאָ קויפט אַן אַנדער שטיקל אין קראַסנאָדאַר, און גאָט וועט אייך נישט פאַרלאָזן. אויך קאָן איך אייך שרייבן, אַז דאָ איז דאָס לאַנד ביז גאָר אַן אָרעמס, די פויערים באַהאַלטן זיך אויס מיט זייערע פערד פון די רויטע אָדלערס אין די וועלדער, ווייץ זעט מען דאָ זעלטן, דער ווייץ איז שרעקלעך דריבנע, און מיר מאַכן פון דעם חוזק. די באַלעבאַטים זייען קאָרן, אויך האָבער. דאָ וואַקסט האָפּן אויף שטעקנס, אַזוי אַז עס קומט אויס זייער אַקוראַט: פון דעם האָפּן מאַכט מען בראָנפן.

שנית, קום איך אייך מעלדן מכח מיין טאַטן, אַז ער

האָט צעהאַקט דעם ברודער פיאַדאָר טימאָפעיעוויטש קורדיוקאָוון בערך אַ יאָר־צייט צוריק. אונזער רויטע בריגאַדע פון דעם חבר אַפּאַנאַסענקאָ האָט אָנגעגריפן אויף דער שטאָט ראָסטאָוו, און דאַמאָלס איז אין אונזערע רייען פּאָרגעקומען אַ פאַראַט. און דער טאַטע איז אין יענער צייט געווען ביי דעניקינען אַ ראָטע־קאָמאַנדיר. יעדער איינציקער, וואָס האָט זיי געזען, — האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן געטראָגן אויף זיך מעדאַלן, ווי ביים אַלטן רעזשים. און איבער דעם פאַראַט טאַקע האָט מען אונז אַלעמען אַריינגענומען אין געפענגעניש און דער ברודער פיאָדאָר האָט זיך געוואָרפן דעם טאַטן אין די אויגן. און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן כּיעדען צו שניידן, רעדנדיק דערביי: אויסוואָרף, רויטער הונט, ממזר און פאַרשידנס, און געשניטן אים ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז דער ברודער פיאָדאָר טי־מאפעיעוויטש האָט זיך געעקט. איך האָב אָנגעשריבן דאַמאָלס צו דיר אַ בריוו, אַז דיין פּיעדיע ליגט אָן אַ צלם. אָבער דער טאַטע האָט מיך געפּאַקט מיטן בריוו און ער האָט געזאָגט: איר, דער רוח ווייסט אייך און אייער מוטער, ממזרים איר, איך האָב אייער מוטער געמאַכט שוואַנגערן, און וועל זי נאָך שוואַנגערן מאַכן, מיין לעבן איז שוין גאָרנישט ווערט, און איך וועל לשם אמת אויסראָטן מיין זאמען, און נאָך פאַר־שידנס. איך האָב צוגענומען פון זיי די ליידן, ווי דער רעטער, יעזוס כריסטוס. אָבער אינגיכן בין איך פון דעם פאָטער אַנט־לאָפן און צוגעשטאַנען צו מיין טייל פון דעם חבר אפּאנאסענ־קא. און אונזער בריגאַדע האָט באַקומען אַ באַפעל צו גיין אין דער שטאָט וואָראָניעזש כּדי צו דערגאַנצן זיך, און מיר האָבן דאָרט באַקומען די דערגאַנצונג, און אויך פערד, בייטלען רע־וואָלווערן און אַלץ, וואָס האָט צו אונז געהערט. מכּח וואָראָ־ניעזש קאָן איך דיר באַשרייבן, געשעצטע מאַמע, יעוודאָקיא פּיעדאָראָוונא, אַז די שטאָט איז ביז גאָר אַ גלענצענדע, זי וועט זיין גרעסער פון קראַסנאָדאַר, מענטשן זענען דאָרט זייער שיינע, און אויך אַ טייך, איז פאַראַן וואָס טויג צום באָדן זיך, ברויט האָט מען אויך געגעבן צו צוויי פונט אַ טאָג, פליייש אַ

האַלב פונט און צוקער, ווי עס דאַרף צו זיין, אַזוי אַז ביים אויפשטיין האָבן מיר געטרונקען זיסע טיי, דאָס נעמלעכע צום אָוונטברויט, און מיר האָבן פאַרגעסן אין הונגער, און מיטאָג צייט בין איך געגאַנגען צום ברודער סעמיאָן טימאפעיעוויטשן נאָך לאַטקעס אָדער געגזנס און נאָכדעם פלעג איך זיך אַביסל צולייגן אָפּרוען. אין יענער צייט האָט דער גאַנצער פאָלק גע־וואָלט מאַכן סעמיאָן טימאפעיעוויטשן פאַר אַ קאָמאַנדיר, ווייל ער איז אַ הפקריש-העלדישער, און פון דעם חבר—בודיאָני איז אַרויס אַזאַ באַפעל האָט ער באַקומען צוויי פערד, לייטישע מלבושים, אַ באַזונדערן וואָגן פאַר זיין גאַנצן האָק און פּאַק און אַ מעדאַל פון רויטן פאָן און איך האָב זיך געבן אים גע־רעכנט פאַר אַ ברודער, איצטער טאָמער וועט דיך אַ שכן באַ־עוולן, קאָן אים סעמיאָן טימאָפעיעוויטש פריי קוילען. שפּעטער האָבן מיר גענומען טרייבן דעם גענעראַל דעניקין, אויסגעקוי־לעט זיי טויזנטערווייז, און האָבן אַריינגעטריבן זיי אין דעם שוואַרצן ים. אָבער דעם טאַטן איז אין ערגעץ נישט געווען צו זען, און סעמיאָן טימאָפעיעוויטש האָט אים אַרומגע־זוכט איבער אַלע פּאָזיציעס, ווייל זיי האָבן זייער גע־טרויערט נאָכן ברודער פעדיע. אָבער דו קענסט דאָך, גע־שעצטע מוטער, דעם טאַטן, און זיין איינגעשפּאַרטן כאַראַקטער, וואָס זשע מיינסטו האָט ער געטון—ער האָט זיך חוצפּהדיק אָפּגעפּאַרבט די באָרד פון געל אויף שוואַרץ. און האָט זיך געפונען אין דער שטאָט מייקאָפּ אין ציווילע קליידער, אַזוי אַז קיינער פון די איינוווינער האָט ניט געוווּסט, אַז ער איז דער אמתער סטראַזשניק פון אַלטן רעזשים, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זיין. אָבער דער אמת שווימט שטענדיק אַרויס. דער מחותּן דיינער ניקאָן וואַסיליטש האָט אים גראַדע דערזען ביי אַן איינוווינער און ער האָט אָנגעשריבן צו סעמיאָן טימאָפעיע־וויטשן אַ בריוו. מיר האָבן זיך אַ זעץ אַרויף געטון אויף די פערד און זענען אַדורכגעלאָפן צווייהונדערט ווערסט, איך דער ברודער סיענקאָ, און נאָך בעלנים פון דער קאָזאַקישער חברה.

„און וואָס זשע האָבן מיר דערזען אין דער שטאָט מיי־

קאַפּ? מיר האָבן דערזען, אַז דער טיל פּילט ניט מיט מיט דעם פּראָנט, און אומעדום איז אין אים דאָ פּאַראַט, און ער איז פול מיט זשידעס, אַזוי ווי ביים אַלטן רעזשים, און סעמיאָן טימאָפּעיעוויטש האָט אין דער שטאָט מייקאָפּ געגנוג איינגעריסן מיט די זשידעס. זיי האָבן ניט אַרויסגעלאָזט פון זיך דעם טאַטן און האָבן אים אַריינגעזעצט אין תפיסה אונטער אַ שלאָס עס איז געקומען—זאָגן זיי, אַ באַפעל פון דעם חבר טראָצקען, בישט צו האַקן די געפאַנגענע, מיר וועלן אים אַליין משפטן, בעסט זיך ניט, ער וועט זיין פסק באַקומען. אָבער סעמיאָן טימאָפּעיעוויטש האָט זיינס געפּועלט און ער האָט דערוויזן, אַז ער איז אַ קאָמאַנדיר פון פּאָלק און האָט אַלע מעדאַלן פון דער רויטער פאָן. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט אין אַלעמען, ווער עס וועט זיך נאָר איינשטעלן פאַר דעם טאַטנס פּערזענלעכקייט, שטאַרק זיך נוקם זיין, און די קאָזאַקישע חברה־לייט האָבן דערצו אויך געשראָקן, און סעמיאָן טימאָפּעיעוויטש האָט דעם טאַטן סוף כל סוף באַקומען, און זיי האָבן אָנגעהויבן דעם טאַטן אַריינצוטיילן אַ חלק און זיי האָבן אויסגעשטעלט אין הויף אַלע קעמפער, ווי עס געשיקט זיך לויטן קריגס געזעץ. און דאַמאָלס האָט סענקע אַ פּלעסקע געטון וואַסער דעם טאַטן טימאָפּיי ראַדיאָניטשן אויף דער באָרד, און פון דער באָרד האָט אַ רין געטון פאַרב. און סענקע האָט געפרעגט טימאָפּיי ראַדיאָניטשן:

— גוט איז אייך טאַטע ביי מיר אין די הענט?

— ניין,—האָט געזאָגט דער טאַטע.—שלעכט איז מיר.

דאַמאָלס האָט סענקע געפרעגט:

— און פיעדיען, בשעת איר האָט אים געשניטן, איז גוט געווען ביי אייך אין די הענט?

— ניין,—האָט דער טאַטע געזאָגט,—פיעדיען איז שלעכט געווען.

דאַמאָלס האָט סענקע געפרעגט:

— און איר האָט געטראַכט, טאַטע, אַז אייך וועט אויך שלעכט זיין?

— ניין, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — איך האָב נישט געטראַכט, אַז מיר וועט זיין שלעכט.

דאַמאָלס האָט זיך סענקע אויסגעדרייט צום פאָלק און האָט געזאָגט:

— און איך טראַכט דווקא יאָ, אַז טאָמער פאַל איך אריין צו אייער חברה, וועלן זיי מיך נישט שאַנעווען. און איצט, טאַטע, וועלן מיר פון אייך מאַכן אַ סוף.

„און טימאפיי ראַדיאָניטש האָט אָנגעהויבן הוצפּהדיק צו שעלטן סענקען מיט כּלערליי קללות און צו שלאָגן סענקען איבער דער מאָרדע, און סעמיאָן טימאָפעיעוויטש האָט מיך אַוועקגעשיקט פון דעם הויף, אַזוי אַז איך קאָן דיר נישט, געשעצטע מאַמע, יעוודאָקיא פּיעדראַוונא, באַשרייבן מכּח דעם, ווי מען האָט געמאַכט אַ סוף צום טאַטן, ווייל איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן פון דעם הויף.

„נאָכדעם האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט נאָוואָראָסיסק. מכּח דער שטאָט קאָן איך דערציילן, אַז ווייטער פון איר איז שוין מער קיין שום יבשה נישטאָ, און נאָר וואַסער איז פאַראַן, דער שווארצער ים, און מיר זענען דאָרט געבליבן אַזש ביז מאַי, און אין מאַי זענען מיר אַרויסגעטרעטן אויפן פּוילישן פראָנט, ווו מיר טרייסלען דעם שונא הפקר אַ וועלט...

„פון מיר אייער שעצנדער זון וואַסילי טימאָפעיעוויטש קורדיוקאָוו. מאַמע, גיב אַכטונג אויף סטיאָפּקען, און גאָט וועט דיר נישט פאַרלאָזן.”

אָט דאָס איז קורדיוקאָווס בריוו; קיין איין וואָרט איז אים נישט פאַרענדערט געוואָרן. ווען איך האָב געענדיקט — האָט ער גענומען דאָס פאַרשריבענע בויגעלע פּאַפּיר און האָט עס באַהאַלטן צו זיך אין בוזים אריין, אויפן הוילן לייב.

— קורדיוקאָוו, — האָב איך געפרעגט דאָס יינגל, — דער פאָטער דיינער איז אַ שלעכטער געווען?

— דער פאָטער מיינער איז געווען אַ הונט, — האָט ער בייז געענטפערט.

— און די מוטער איז בעסער?

—די מוטער איז אַ פּאַסנדע. אויב דו ווילסט, אָט האָסטו מיין משפּחה...

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ צעבראָכענע פּאָטאָגראַפיע. אויף איר איז געווען פאָרגעשטעלט טימאָפיי קורדיוקאָוו, אַ פּלייציקער סטראַזשניק אין אַ היטל לויט דער פאָרם, מיט אַ צעקעמטער באָרד, אַ פאַרגליווערטער, ביינערדיקער, מיט אַ בליש־טשענדיקן קוק פון די פאַרבלאָזטע גולמשע אויגן. נעבן אים, אין אַ שטרויענעם פאָטעלעכל האָט געצאַנקט אַ פּיצינקע פויערטע אין אַן אַרויסגעלאָזטן קאַפטל מיט מאָגערע, ליכטיקע און שע־מעוודיקע שטריכן פון פּנים. און ביי דער וואַנט, ביי דעם נע־בעכדיקן פּראָווינציעלן פּאָטאָגראַפישן פאָן מיט בלומען און טויבן, האָבן זיך געהויכט צוויי יונגען — ריזיק גרויסע, טעמ־פּע, ברייטפּנימדיקע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, פאַרגליווערטע, ווי אויף אַ זעלנער פּאַראַד, — די צוויי ברודער קורדיוקאָוו, פיאָדאָר און סעמיאָן.

גדליה

קומט ערב-שבת, באַפאַלט מיך אַ געדיכטער זכרונות אומעט. אַמאָל האָט מיין זיידע אין די פרייטאָגצונאַכטן מיט זיין געלער באָרד געצערטלט די בלעטער פון אבן עזרא. די באָבע מיינע, אין אַ שפּיצן־הויבל, האָט מיט אירע פאַרשרומפּענע פינגער געפּישופט איבער דעם שבתדיקן לייכטער און זיך פאַרגאַנגען אין אַ זיסן געוויין. מיין קינדיש האַרץ האָט זיך אין די פרייטאָגצונאַכטן געוויגט, ווי עס וויגט זיך אַ שיפל אויף פאַרפּישופטע כוואַליעס. אָ, טליענדיקע גמרות פון מיין קינדהיים! אָ, געדיכטער אומעט פון זכרונות!

איך דריי זיך אַרום איבער זשיטאָמיר און זוך אַ שטילן שטערן. ביי דעם אַלט-אַלטן בית-המדרש, ביי זיינע געלע און גלייכגילטיקע ווענט, פאַרקויפן אַלטע יידן קרייד, בלויעכץ און קנויטן — יידן מיט בערד פון נביאים, מיט ליידנשאַפטלעכע צעפליקטע קליידער אויף די איינגעפאַלענע ברוסטן.

אָט איז קעגן מיר דער מאַרק און דער טויט פונם מאַרק. די פעטע נשמה פון איבערפלוס איז דערהרגעט געוואָרן. שטומע שלעסער הענגען אויף די שטעלעכלעך, און די ברוק פון דער גאַס איז ריין, ווי אַ פליך פון אַ מת. און ער — דער שטילער שטערן, — טוקט זיך און לעשט זיך...

איינגעגעבן האָט זיך מיר ערשט שפּעטער, מיר האָט אָפּ-

געגילט פונקט פאַרן זון־אונטערגאַנג. גדליהס קראָם האָט זיך באַהאַלטן אין די פעסט־פאַרקלאַפּטע קראָמען־שורות. דיקענס, — ווו איז אין יענעם טאָג דיין מילדער שאָטן געווען? דו וואָלסט דערזען אין דער אַלטוואַרג־קראָם אַ פּאָר געגילדטע פאַנטאָפל און גראָבע שיף־שטריק, דו וואָלסט אַ פאַרצייטיקן קאָמפּאַס און אַן אָנגעשטאָפּטן אָדלער געזען, דו וואָלסט אַ יעגער־ווינטשעס־טער מיט אַן אויסגעקריצטער דאַטע פון 1810 און אַ צעבראָכן פענדל דאָרט דערזען!

אין דער ראָזער פוסטקייט פונם אָוונט גייט אַרום נעבן זייגע אוצרות דער קליינער בעל־הבית מיט די פאַרנעפּלטע ברילן און מיט דעם גרינעם ראָק, א לאַנגן ביז דער ערד. ער רייבט זיך די ווייסע הענטלעך, ער ציפּט זיך זיין גרוילעך בערדל, בויגט אָן זיין קאָפּ און הערט זיך צו צו די געהיימע שטימען, וואָס טראָגן זיך צו אים.

די קראָם איז ווי אַ קעסטל פון אַ וויסנדורשטיקן, ערנסטן יינגל, וואָס עס וועט פון אים אויסוואַקסן אַ פּראָפעסאָר־באָטאַ־ניקער. אין דער קראָם געפינען זיך קנעפּלעך, עס געפינט זיך אַ טויט-פלאַטערל. דעם קליינעם בעל־הבית אירן רופט מען גדליה. אַלע זענען אַוועק פון מאַרק, נאָר גדליה איז געבליבן, און ער שלענגלט זיך אין דעם לאַבירינט פון גלאָבוסן, שאַרבנס און טויטע בלומען, פּאָלעס מיטן בעזעמל פון הענער-פעדערן און בלאָזט אַראָפּ דעם שטויב פון די געשטאָרבענע בלומען.

און אָט זיצן מיר אויף די פוסטע פעסלעך פון ביר. גדליה פאַרוויקלט און צעוויקלט זיין שמאָלע באָרד. זיין קאַ־פּעלוש וויגט זיך איבער אונז, ווי אַ שוואַרצער טורעמל. אַ וואַרעמע לופט שטראָמט פאַרביי אונז. דער הימל בייט זיינע קאָלירן. צאַרט בלוט גיסט זיך פון אַן איבערגעקערטן פלעשל דאָרט אויבן. אַ לייכטער ריח פון טליען נעמט מיך אַרום

— רעוואָלוציע — לאָמיר איר זאָגן יאָ; וועלן מיר דען דעם שבת זאָגן ניין? — אַזוי הויבט אָן גדליה און הילט מיך אַרום מיט די זיידענע פּאַסעקלעך פון זיינע נעפּלדיקע אויגן, — יאָ, שריי איך צו דער רעוואָלוציע, יאָ, שריי איך צו איר,

אָבער זי באַהאַלט זיך אויס פון גדליהן און שיקט מיר גאָר אַרויס אַ שיסערײ...

— צו קיין צוגעמאַכטע אויגן קומט נישט צו די זון, — ענטפער איך דעם אַלטן, — אָבער מיר וועלן אויפעפענען די צוגעמאַכטע אויגן...

—די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אונז פאַרמאַכט די אויגן,— מורמלט דער אַלטער, קוים צו הערן, — דער פּאָגראָמשטשיק, אַט דער בייזער הונט, ער נעמט דעם יידן און צאַפּט פון אים דאָס בלוט, אָך, דו כלבֿ! און אַט גיט מען אים קלעפּ, דעם בייזן הונט, און דאָס איז גלענצענד, — דאָס איז רעוואָלוציע, און שפּעטער האָט דער, וואָס האָט געגעבן קלעפּ דעם פּאָ־גראָמשטשיק, געזאָגט צו מיר, פאַררעגיסטריר דיין גראַמאַפאָן, גדלי ה... איך האָב ליב מוזיק, פּאַניע, ענטפער איך דער רע־וואָל'ציע — דו ווייסט נישט, וואָס דו האָסט ליב, גדליה, אַט וועל איך אין דיר שיסן, וועסטו שוין יאָ וויסן, און איך קאָן דען נישט וויסן, איך בין דאָך רעוואָלוציע...

— זי קאָן דען נישט וויסן, גדליה, — זאָג איך צום אַלטן, — זי איז דאָך רעוואָלוציע...

— אָבער דער פּאָגראָמשטשיק האָט געשאָסן, מיין האַר־ציקער פּאַניע, ווייל ער איז קאָנטררעוואָלוציע, איר שיסט דערפאַר, וואָס איר זענט רעוואָלוציע, און רעוואָלוציע איז דאָך אַ חיות, און חיות פאַרטראָגט נישט קיין יתומים אין שטוב. גו־טע אויפטוען טוען גוטע מענטשן. רעוואָלוציע — איז אַ גוטער אויפטו פון גוטע מענטשן, אָבער גוטע מענטשן הרגענען נישט: הייסט דאָס, די רעוואָלוציע מאַכן שלעכטע מענטשן. אָבער די פּאָגראָמשטשיקעס זענען אויך שלעכטע מענטשן. ווערזשע וועט זאָגן גדליהן, וווּ איז רעוואָלוציע, און וווּ קאָנטררעוואָלוציע? איך האָב געלערנט אַמאָל תּלמוד און האָב ליב רש״י און גמרא. און נאָך קעפּ־מענטשן זענען דאָ אין זשיטאָמיר. און מיר אַלע, די תּלמידי־חכמים, פאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און שרייען אויף אַ קול: וויי איז צו אונז, וווּ איז די זיסע רעוואָלוציע?...

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָבן דערזען דעם ערשטן שטערן, וואָס האָט זיך דורכגעגליטשט פּאַזע דעם מילך-וועג.

— עס פאַרגייט שבת—האָט גדליה מיט ווירדע געזאָגט,— יידן דאַרפן גיין אין בית-המדרש... פאַניע חבר, — האָט ער געזאָגט, אויפגעשטאַנען, און דער קאַפּעלוש האָט, ווי אַ שוואַרצער טורעמל, זיך אַ וויג געטון אויף זיין קאָפּ,—ברענגט צופירן אין זשיטאָמיר אַ ביסל גוטע מענטשן. אַי, פעלן זיי אונז אויס אין אונזער שטאָט, אַי, פעלן זיי אויס! ברענגט צו-פירן גוטע מענטשן, און מיר וועלן זיי אָפּגעבן אַלע גראַמאָפאָ-נען. מיר זענען נישט קיין עם-הארצים. אינטערנאַציאָנאַל—מיר ווייסן, וואָס אַזוינס איז אינטערנאַציאָנאַל. און איך וויל אַן אינטערנאַציאָנאַל פון גוטע מענטשן, מען זאָל יעדע נשמה פאַררעגיסטרירן און געבן איר אַ „פּאַיאָק”, לויט דער ערשטער קאַטעגאָריע, נאַ דיר, נשמה, עס, וויפל דאָס האַרץ גליסט, און האָב זיך דיין חיות פונם לעבן. אינטערנאַציאָנאַל, פאַניע חבר, איר ווייסט נישט, מיט וואָס מען עסט עס...

— מען עסט עס מיט פולווער, — האָב איך געענטפערט דעם אַלטן, — און מען ווירצט עס צו מיט דעם בעסטן בלוט...

אָבער אָט האָט זיך אויף זיין פּאָטעל, פון בלויען חושך-אַרויס, באַוויזן דער יונגער שבת.

— גדליה, — זאָג איך, — היינט איז פרייטיק, און דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלן. וווּ קאָן מען קריגן אַ יידיש קיכל, אַ יידיש גלאָז טיי און אַ ביסל פון דעם אויסגעדינטן גאָט אין דעם גלאָז טיי?...

— נישטאָ, — ענטפערט מיר גדליה, און הענגט אַרויף אַ שלאָס אויף זיין קעסטל,—נישטאָ, פאַראַן דאָ נאָענט אַ שענקל, און גוטע מענטשן האָבן דאָרט געהאַנדלט, אָבער איצט עסט מען שוין דאָרט נישט, איצט וויינט מען דאָרט...

ער האָט פאַרקנעפּלט זיין גרינעם ראָק אויף דריי ביי-נערנע קנעפּלעך, ער האָט זיך אַרומגערייניקט מיט די העגער-

פּעדערן, אַ שפּריץ געטון אַ ביסל וואַסער אויף זיינע ווייכע דלאָניעס און איז אַוועק — אַ הייזעריקער, אַן איינזאַמער, אַ פֿאַרטראַכטער, אין אַ שוואַרצן קאַפּעלוש, מיט אַ גרויסן סידור אונטערן אָרעם.

עס פֿאַרגייט שבת. גדליה, — דער גרינגדער פֿונם נישט דערגרייכבאַרן אינטערנאַציאָנאַל, — איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין דאַוונען!

שעוועליעוו

אין דעם סאַניטאַרן פורל האַלטביים שטאַרבן שעוועליעוו, דער פּאָלק-קאָמאַנדיר. אים צופוסנס זיצט אַ פרוי. די אָפּגלאַנצן פון דער קאַנאָנאַדע האָבן דורכגעשטאָכן די נאַכט אויף דורך און דורך און זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער שעוועליעוון. ליאָווקא, דעם „נאַטשדיוויס"*) אָנטרייבער, וואַרימט אָן אין אַ קעסל דאָס געקעכץ. ליאָווקעס פּאַטלע האָר הענגט איבערן פייער. געצוימטע פערד קריכן אין די קוסטעס, אַ קנאַקעריי לאָזט זיך פון דאָרט הערן. ליאָווקא מישט מיט אַ צווייגל אין קעסל און רעדט צו שעוועליעוון, וואָס האַלט ביים שטאַרבן אין דעם סאַניטאַרן פורל:

— איך האָב געאַרבעט, חברל, אין דער גרויסער שטאָט טעמריוק; געאַרבעט אַלס רייטער דרעסירער, און אויך ביי לייכטער אַטלעטיק. די שטאָט איז פאַר פרויען, פאַרשטייט זיך, אַ שוועריע, האָבן מיך די ווייבעלעך דערזען, ממש די ווענט גע-נומען צעוואַרפן: לעוו גאַווריליטש, זאָגן זיי, ווילסט איין אויף אַ פיינע, פאַרבייסעכץ, איר וועט נישט חרטה האָבן אויף דער פאַרלוירענער צייט... האָבן מיר זיך מיט איינער געלאָזט אין

---

*) דעוויזיע-נאַטשאַלניק

אַ שענק. מיר פאַרלאַנגען קעלבערן פלייש צוויי פּאָרציעס, מיר פאַרלאַנגען שנאַפּס, מיר זיצן זיך מיט איר אינגאַנצן שטיל און טרינקען אויס צוביסלעך... אָבער דאָ זע איך אַז עס רוקט זיך צו צו מיר אַ געוויסער פאַרשוין, אָנגעטון גאַנץ נשקשה, ריין. אָבער אין דער פּערזענלעכקייט זיינער באַמערק איך אַ גרויסע פאַנטאַזיע, און אַליין איז ער בגילופין.

— אַנטשולדיקט מיר, — זאָגט ער, — פון וועלכער אגב, נאציע זענט איר?

— וואָס טשעפּעט איר זיך עפּעס, — פרעג איך, — פון דער העלער הויט צו מיין נאַציע, און נאָך בשעת איך געפין זיך אין אַ דאַמען־געזעלשאַפט?

און ער:

— וואָס זענט איר, — זאָגט ער, — פאַר אַן אַטלעט... אין דעם פראַנצויזישן קאַמף מאַכט מען פון אַזעלכע, ווי איר, אַן אונטערמיניקן אונטערשלאַק. דערוויזט מיר אייער נאַציע...

אָבער איך, פונדעסטוועגן, שווייג נאָך אַלץ נישט

— פאַרוואָס, — זאָג איך, — איך ווייס נישט ווער און וואָס איר זענט, רופט איר אַרויס אַזאַ מיספאַרשטייעניש, אַז דאָ זאָל אומבאַדינקט עמיצער אין איצטיקן מאָמענט אומקומען, אָדער אַנדערש געזאָגט, ליגן זיך ביזן לעצטן אָטעם?

— ביזן לעצטן ליגן זיך, — חזרט ליאָווקא איבער מיט התפעלות, שטרעקט אויס זיינע הענט צום הימל און רינגלט זיך אַרום מיט דער נאַכט, ווי מיט אַן ארעאל. אַן אונערמיד־לעכער ווינט, אַ ריינער נאַכט־ווינט זינגט, פילט זיך אָן מיט אַ קלינגעריי און האַלט אין איין וויגן די הערצער. שטערן פלאַקערן אין דער פינסטערניש. זיי פאַלן אויף ליאָווקאן, פאַר־פלאָנטערן זיך אין זיינע האָר און לעשן זיך אויס אין דער צעשויבערטן קאָפּ זיינעם.

— ליעוו, — הויבט שעוועליעוו אָן פלוצים באַוועגן מיט זיינע בלויע ליפּן, — קום אַהער. דאָס גאָלד, וויפל עס איז נאָר דאָ, פון סאַשקעס וועגן, — זאָגט דער פאַרוואונדעטער, — די רינגען, דעם געשפּאַן אַלץ איר. געלעבט, ווי מען האָט גע־

קאַנט, וועל איך זי באַלוינען. דיבגדים, די תחתונים, דעם מע־דאַל פאַר מיין געטרייער העלדישקייט — דער מוטער אויף טערעק. לייג צו אַ בריוו און אין בריוו שרייב אָן — דער קאָ־מאַנדיר האָט דיך געגריסט, אָבער ווײַן נישט. דאָס הייזל נעם זיך, אַלטע, און לעב זיך. וועט עמיצער דיך אָנרירן, לויף באַלד צו בודיאָני: — איך בין שעוועליעווס מאַמע... דאָס פערד אבראמקע בין איך מנדר דעם פאָלק, דאָס פערד בין איך מנדר, כדי מען זאָל מיך שטענדיק דערמאָנען...

— וועגן פערד האָב איך פאַרשטאַנען — מורמלט ליאָוקאַ און גיט אַ מאַך מיט די הענט.

— סאַשע, — שרייט ער צו דער פרוי, — האָסט געהערט, וואָס ער רעדט?.. אים אין די אויגן זיי זיך מודה — וועסט דער אַלטער אירס אָפּגעבן אָדער דו וועסט איר נישט אָפּ־געבן ?...

— אין אייער מוטער אַריין, — ענטפערט סאשקא און גייט אָפּ צו די בוימלעך אַ אויסגעצויגענע, ווי אַ בלינדע,

— וועסט אָפּגעבן דעם יתומס חלק־ירושה? — האָט זי ליאָווקא דעריאָגט און אָנגעכאַפּט זי פֿאַרן האַלז. — אים אין די אויגן זאָג.

— איך וועל אָפּגעבן. לאָז.

ווען ליאָוקא האָט אַרויסגעריסן ביי איר דאָס וואָרט, האָט ער אַראָפּגענומען פונם פייער דעם קעסל און געגומען גיסן דאָס געקעכץ דעם גוססדיקן און פאַרגליווערטן מויל אַריין. דער באָרשטש האָט אַראָפּגערינען פון שעוועליעוון, דער לעפל האָט געקלאַפּט אין זיינע בלישטשענדיקע טויטע ציין, און די קוילן האָבן אַלץ שטאַרקער נאָגנדיקער געפייפט אין דער גע־דיכטער נאַכט-לופט.

— מיט ביקסן האַקט ער, אָט אַ שד, — האָט ליאָווקא געזאָגט.

— אַ געמיינע אומה, — האָט שעוועליעוו געענטפערט — ער רייסט אויף דעם רעכטן פלאַנג אונזערן מיט קוילנוואַרפער. און שעוועליעוו האָט פאַרמאַכט די אויגן און, אַ פייער־

לעבער, ווי אַ טויטער אויף אַ טיש, האָט ער גענומען מיט זיינע גרויסע חלבנע אויערן צוהערן זיך צום קאַמף. נעבן אים האָט ליאָווקא געקייט דאָס פלייש, און קוים דעם אָטעם געכאַפּט. און ווען ליאָווקא האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פלייש, האָט ער אָפּגעלעקט די ליפּן און גענומען שלעפּן סאַשקען צו דער לאָנקע צו.

— סאַש, — האָט ער געזאָגט און בשעת מעשה אינגאַנצן געציטערט, געגרעבצט און געדרייט מיט די הענט — סאַש, ווי מיר שטייען. פאַר גאָט, מיר זענען דאָך סיי ווי באַדעקט מיט זינד, ווי מיט בלאָטערן... איינמאָל לעבט מען, איינמאָל פּגרט מען. לאָז זיך, סאַש, איך וועל דיר אָפּדינען זאָל זיין אַפילו מיט בלוט... זיין צייט איז שוין פאַרביי, סאַש, און ביי גאָט האָבן זיך די טעג נישט געמינערט...

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אין דעם הויכן גראָז. אַ לבנה איז פאַמעלעך אַרויסגעקראָכן פון אונטער די כמאַרעס און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סאַשקעס אַנטבלויזענער קני.

— איר וואַרעמט זיך,—האָט שעוועליעוו אַ ברום געטון,— און ער, זעסט, האָט די פערצנטע דיוויזיע אַ טרייב געטון...

ליאָווקא האָט געקרעכצט צווישן די בוימלעך און האָט קוים דעם אָטעם געכאַפּט. אַ פאַרנעפּלטע לבנה האָט זיך, ווי אַ בעטלערן אַרומגעשלענדערט איבערן הימל, אַ ווייטע שיסעריי האָט געשווימט אין דער לופטן. דער אלגראַז האָט גערוישט אויף ז'ער באַאומרויקטער ערד, אין אויגוסט-שטערן זענען גע־פאַלן אַראָפּ אין גראָז אַריין.

שפּעטער האָט זיך סאַשקאַ אומגעקערט אויף איר פריער־דיקן אָרט. זי האָט גענומען איבערבונדן דעם פאַרוונדעטן און מיטן לאַמטערנדל באַלויכטן זיין אייטערדיקע וווּנד.

— ביז מאָרגן וועסטו אַוועקקומען,—האָט סאַשקאַ געזאָגט, און אַרומגעווישט שעוועליעוון. אים האָט באַשלאָגן, אַ קילער שווייס, — ביז מאָרגן וועסטו אַוועקקומען, דער טויט איז שוין ביי דיר אין די קישקעס...

אין דער רגע האָט אַ פולשטימיקער און געדיכטער קלאַפּ

אַ זעץ געטון אין דער ערד. פיר פרישע בריגאַדעס, וואָס די פאַרייניקטע קאָמאַנדע פונם שונא האָט אַרייגעפירט אין קאַמף, האָבן אַרויסגעשיקט אויף בוסק זייער ערשטן שווערן שאָס. דער שונא, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויפרייסן אונזערע קאָמוניקאַציעס, האָט אונטערגעצונדן דעם וואַסער-שייד פון דעם טייך בוג. געהאָרכזאַמע שרפות האָבן זיך אויפגעשטעלט אויפן האָריזאָנט, און פויגל-קאַנאָנאַדעס זענען אַרויסגעפלויגן פונם פייער. בוסק האָט געברענט, און ליאָוווקא, דער ווילד-געוואָרענער פאַרשוין, האָט זיך געלאָזט יאָגן איבערן וואַלד אין דעם „נאטשדיווס" וואַקלענדיקן קאטש. ער האָט אָנגעצויגן די העל-רויטע לייצעס און האָט געקלאַפּט מיט די לאַקירטע רעדער איבער די קאָרטשעס. שעוועליעוס פורל האָט זיך געטראָגן נאָך אים, סאַשקאַ האָט אָנגעטריבן מיט די פערד, און די פערד האָבן געשפּרונגען אַרויס פון דעם געשפּאַן.

אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צום וואַלד-ראַנד. דאָרט איז געשטאַנען אַ סאַניטאַרן-פּונקט. ליאָוווקא האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און איז אַוועק צום פאַרוואַלטער בעטן ביי אים אַ פערד-דעק. ער איז געגאַנגען איבערן וואַלד, וואָס איז געווען פאַר-שטעלט מיט וועגענער. די גופים פון די סאַניטאַרן האָבן געטאָרטשעט פון אונטער די וועגענער אַרויס, און איבער די זעלנערישע פּעלצן, אין דער הויך האָט זיך געוואָרפן נישט קיין דרייסטער זון-אויפגאַנג. די שטיוול פון די שלאָפנדיקע זענען געווען ברייט צעשפּרייט. די שוואַרצע אפּלען פאַרגלאָצט צום הימל אַרויף, און די שוואַרצע גריבער פון די מיילער שטאַרק אויסגעקרומט.

ביים פאַרוואַלטער האָט זיך געפונען אַ פערד-דעק. ליאָוו-קאַ האָט זיך אומגעקערט צו שעוועליעוון, אַ קוש געטון אים אין שטערן און צוגעדעקט אים ביז איבערן קאָפּ. דאַמאָלס איז צום פורל צוגעגאַנגען סאַשקאַ. זי האָט אונטערגעבונדן איר טיכל אונטערן האַלז, און האָט אָפּגעטרייסלט איר קלייד פונם שטרוי.

— פּאַווליק, — האָט זי געזאָגט, — יעזוס כריסטוס מיינער, — און זי האָט זיך צוגעלייגט צום טויטן מיט אַ זייט און האָט אים פאַרדעקט מיט איר ריזיקן קערפּער.

— נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן, — האָט ליאָווקא דאַ-מאָלס געזאָגט, — וואָס איז שייך צו זאָגן, זיי האָבן גוט גע-לעבט צווישן זיך. איצט דאַרף זי ווייטער פון דעם גאַנצן עס-קאדראָן אויסשטיין. זיס איז דאָס אַוודאי נישט..

און ער איז זיך אַוועקגעפאָרן אין בוסק. דאָרט איז גע-שטאַנען דער שטאַב פון דער זעקסטער קאַוודיוויזיע

אונטער בוסק, אַ צען ווערסט פון דער שטאָט, איז געגאַנגען אַ קאַמף מיט די סאַווינקאָווער קאָזאַקן. די פאַרעטער האָבן זיך געשלאָגן בראש מיטן עסאַאול יאַקאָוולעוו, וואָס איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. זיי האָבן זיך געשלאָגן העלדיש, דער באַטשדיוו איז שוין דעם צווייטן מעת-לעת געווען מיטן מיליטער, און ליאָווקא האָט אים אין שטאַב נישט געטראָפן. האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין הייזל, אויסגערייניקט די פערד, באַגאָסן מיט וואַסער די רעדער פון קאָטש און האָט זיך געלייגט שלאָפן אין קאַמער. דער קאַמער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פרישן היי, וואָס האָט געשמעקט אויפרייצנד ווי פּערפומען. ליאָווקא האָט זיך אויסגעשלאָפן און זיך געזעצט עסן מיטאָג. די בעל-הביתטע האָט אָפּגעקאָכט קאַר-טאָפל און באַגאָסן זיי מיט זויער-מילך. ליאָווקא איז שוין גע-זעסן ביים טיש, ווען אויפן גאַס האָט זיך דערהערט אַ טרויער-יאָמער פון די טרומייטן און אַ קלאַפּן פון אַ סך קאָדיטעס. דער עסקאדראָן מיט די טרומייטערס און פאַנען-טרעגער איז פאַר-בייגעגאַנגען איבער דער קרומער שטאָטישער גאַס. שעווליעוס קערפּער, וואָס איז געלעגן אויפן לאַפעט איז געווען איבער-געדעקט מיט פענער. נאָך דער טרומנע איז אויף שעווליעוס לאָשאַק נאָכגעפאָרן סאַשקא, פון די אונטערשטע רייען האָט זיך געטראָגן אַ קאָזאַקישע ליד.

דער עסקאַדראָן איז דורכגעגאַנגען איבער דער הויפּטגאַס און האָט זיך פאַרקערעוועט צום טייך. ליאָווקאַ, אַ באָרוויסער, אָן אַ היטל, האָט זיך געלאָזט נאָכלויפן די אַוועקגייענדיקע. ער האָט אָנגעכאַפּט פאַר די לייצעס דאָס פערד פון דעם עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר.

נישט דער נאַטשדיוו, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שיידוועג און האָט אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם טויטן קאָמאַנדיר, נישט דער שטאַב זיינער האָבן נישט געהערט, וואָס ליאָווקאַ האָט געזאָגט דעם עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר.

— תּחתּונים, — האָט דער ווינט דערטראָגן צו אונדז אָפּגעהאַקטע ווערטער, — די מוטער אויף טערעק, — האָבן מיר דערהערט ליאָווקאַס אומפאַרשטענדלעכע געשרייען. ער האָט אַזוי לאַנג איבערגעגעבן די קאָזאַקן שעוועליעווס צוואה, ביז ער איז אַלעמען נמאס געוואָרן. דער עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר האָט קוים באַפרייט זיינע לייצעס און האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף סאַשקען. די פרוי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז דורכגעפאָרן ווייטער. דאַמאָלס האָט ליאָווקאַ אַ שפּרונג געטון צו איר אויפן זאָטל, אָנגעכאַפּט זי פאַר די האָר, אַרויפגעריסן איר דעם קאָפּ און איר אַ זעץ געטון מיטן פויסט גלייך אין פּנים אַריין. סאַשקאַ האָט אָפּגעווישט מיטן עק קלייד דאָס בלוט און איז אַוועקגעפאָרן ווייטער. ליאָווקאַ איז אַראָפּגעקראָכן פונעם זאָטל, אַ טרייסל געטון מיט דער פאַטלע, און אַרומגעבונדן זיך מיט אַ רויטן שאַרף. די קלאַגנדיקע טראָמפּייטערס האָבן אַוועקגעפירט דעם עסקאַדראָן ווייטער, צו דער בלישטשענדיקער ליניע פון בוג.

ער, ליאָווקאַ, דער אָנטרייבער פונעם נאַטשדיוו האָט זיך אומגעקערט צו אונדז און האָט זיך צעשריען מיט פינקלדיקע אויגן.

— איך האָב זי אָנגעלערנט ווי עס באַדאַרף צו זיין... איך וועל אָפּשיקן, זאָגט זי, דער מוטער, אויב מען דאַרף. זיין ווילן, זאָגט זי, געדענק איך אַליין. און אויב דו גע־

דענקסט, טאָ פאַרגעס נישט, הינטיש בלוט, און וועסטו פאַר־
געסן — װעלן מיר דיך נאָך אַמאָל דערמאַנען. װעסטו אַ
צווייטן מאָל פאַרגעסן, װעלן מיר דיך אַ צווייטן מאָל דער־
מאַנען...

אויגוסט 1920

סאַשקאַ־כריסטוס

סאַשקאַ— איז געווען זיין אמתער נאָמען, און „כריסטוס״ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן פאַר זיין גוטן כאַראַקטער. ער איז געווען אַ קהלישער פאַסטוך אין דעם קאָזאַקישן דאָרף און האָט נישט געאַרבעט קיין שווערע אַרבעטן פון פערצן יאָר אָן, זינט ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ מיאוסער חולאת. די מעשה איז געווען אַזאַ:

טאַראַקאַניטש, סאַשקאַס שטיף־פאָטער, איז אַוועקגעגאַנגען אויף ווינטער אין דער שטאָט גראָזני און איז דאָרט צוגעשטאַנען צו אַן ארטעל, די ארטעל איז געווען אַ געלונגענע, פון ריאַזאַנער פויערן צונויפגעשטעלט. טאַראַקאַניטש האָט ביי זיי געטון די טעסלעריי־אַרבעט און ער האָט דערביי שיין פאַרדינט ער האָט זיך ניט געקאָנט אַליין קיין עצה געבן מיט דער אַרבעט האָט ער אויסגעשריבן צו זיך דאָס יינגל צו הילף: ווינטער וועט זיך דאָס דאָרף אָן סאַשקען אויך באַגיין. סאַשקאַ האָט געאַרבעט ביים שטיף־פאָטער אַ וואָך צייט. דערנאָך איז געקומען שבת, זיי האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך געזעצט טרינקען טיי. עס איז געווען אָקטאָבער־צייט, אָבער די לופט איז געווען אַ לינדע. זיי האָבן אויפגעעפנט דאָס פענסטער און אָנגעוואַרימט דעם צווייטן סאַמאָוואַר. אונטער די פענסטער האָט זיך געדרייט אַ בעטלערין זי האָט אַ קלאַפּ געטון אין די לאָדן און האָט געזאָגט:

— אַ גוטן אייך, פּרעמדע פויערן. גייט אַריין אין מיין לאַגע.

— וואָסער לאַגע, וועלכע לאגע? — האָט טאַראַקאַניטש געזאָגט, — קום אַריין, קאַליקע.

די בעטלערין האָט זיך אַביסל געזאָמט אונטער דער טיר און איז דערנאָך אַריינגעהינקען אין צימער. האָט זי זיך אַ לאָז געטון גלייך צום טיש און זיך אַ נייג געטון ביז דער ערד. טאַראַקאַניטש האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן טיכל, אַראָפּגעריסן פון איר דאָס טיכל און האָט איר אַ ריס געטון די האָר. די האָר ביי דער בעטלערין זענען געווען גרויע, פאַרפּלאָנטערטע און פאַרשטויבטע.

—פוי, אַ מין שטרענגער און וואָקסיקער פויער דו ביסט, — האָט זי געזאָגט, — אַ אמתער צירק מיט דיר...

— איך בעט אייך, מיאוסט זיך ניט מיט מיר מיט דער אַלטער, — האָט זי שנעל אַ מורמל געטון און האָט זיך אַרויפגעקלעטערט אויף דער באַנק. טאַראַקאַניטש האָט זיך צוגעלייגט צו איר און האָט זיך געלאָזט וויל גיין וויפל ער האָט נאָר געקאָנט, די בעטלערין האָט געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און אין איין לאַכן.

— אַ רעגנדל פאַלט אויף דער אַלטער, — האָט זי געלאַכט,—צוויהונדערט פוד פון אַ דעסיאַטין...

און ווען זי האָט געזאָגט די ווערטער, האָט זי דערזען סאַשן, וואָס האָט געטרונקען טיי ביים טיש. און האָט קיין אויג נישט אויפגעהויבן אויף גאָטס וועלט.

— דאָס איז דיין יונג? — האָט זי געפרעגט ביי טאַראַקאַניטשן.

—כמו ווי מיינער — האָט טאַראַקאַניטש געענטפערט, — דעם ווייבס.

— אָט אַ קינדעלע, די אויגעלעך אויסגעגלאָצט, — האָט די בעטלערין געזאָגט, — נו, קום זשע אַהער

סאַשקאַ איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זיך אָנגע־

שטעקט מיט אַ מיאוסער קרענק. אָבער וועגן דער מיאוסער קרענק האָט אין יענער שעה קיינער נישט געטראַכט. טאַראַקאַניטש האָט דער בעטלערין געגעבן די ביינער פונם מיטאָג און אַ זילבערנעם צענער, זייער אַ גלאַנצעדיקן.

— פוץ אים אויס, פרומע נשמה דו, מיט זאַמד, — האָט טאראקאניטש געזאָגט, — וועט ער נאָך פיינער אויסזען. אין אַ פינסטערע נאַכט ווען עס וועט אים אנטלייען דעם אויבערשטן אין הימל אַריין, וועט דער צענער אָנשטאָט דער לבנה שיינען...

די קאַליקע האָט זיך אַרומגעבונדן מיטן טיכל, צונויפגענומען די ביינער און איז אַוועק. און אין צוויי וואָכן אַרום איז פאַר די פויערן אַלץ קלאָר געוואָרן. זיי האָבן אַ סך געליטן פון דער מיאוסער קרענק, אַ גאַנצן ווינטער זיך געמאַטערט און זיך געהיילט מיט גראָזן. אין פרילינגס צייט זענען זיי אַוועקגעפאָרן אין דאָרף צו זייער פויערשער אַרבעט.

דאָס קאָזאַקישע דאָרף איז געלעגן אַ צען ווערסט גאַנג פון דער אייזן-באַן. טאראקאניטש און סאַשקאַ זענען געגאַנגען דורך פעלדער. די ערד איז געלעגן אין דער אַפּריל-פייכטקייט. אין די שוואַרצע גריבער האָבן געפינקלט שמאראגדן. די ערד איז געווען דורכגעשטעפּט מיט גרינע שפּראָצונגען. די ערד האָט געשמעקט זויער, ווי אַ זעלנערקע פאַרטאָג. די ערשטע טשערעדעס האָבן אַראָפּגענידערט פון די בערגלעך, און די לאַשעקלעך האָבן זיך געשפּילט אין די העל בלויע רוימען פונם האָריזאָנט.

טאראקאניטש מיט סאַשקען זענען געגאַנגען דורך שטעגלעך, וואָס האָבן זיך קוים אָנגעזען.

— לאָז מיך אָפּ, טאראקאניטש, צו דער געמיינדע פאַר אַ פאַסטוך, — האָט סאַשקאַ געזאָגט.

— וואָס איז אַזוינס?

— איך קאָן נישט צוזען, ווי דאָס לעבן ביי די פאַסטוכער איז אַזוי גוט

— איך בין נישט מסכים, — האָט טאראקאניטש געזאָגט.

— לאָז מיך אָפּ, טאראקאניטש, אום גאָטעס ווילן, —

האָט סאַשקאַ איבערגעחזרט — אַלע הייליקע זענען פון פּאַסטו־כער אַרויס.

— סאַשקאַ אַ הייליקער, — האָט זיך דער שטיף־פּאָטער הויך צעלאַכט, — ביי דער הייליקער מוטער סיפיליס געגאַשט...

זיי זענען אַריבער דעם רויטן בריק, אַריבער דאָס וועלדל און דערנאָך די פּאשע און האָבן דערזען דעם צלם אויף דעם קאָזאַקישן קלויסטער. די ווייבער האָבן זיך נאָך געפּאַרקעט אין די גערטנער, און די קאָזאַקן האָבן זיך אויסגעזעצט צווישן דעם בעז, האָבן זיך געטרונקען בראָנפן און געזונגען.

ביז טאַראַקאַניטשעס שטוב איז נאָך געווען אַ האַלב ווערסט גאַנג.

— גאָט זאָל געבן, אַז אַלץ זאָל זיין בשלום, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך איבערגעצלמט.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער שטוב און האָבן אַריינ־געקוקט אין פענסטער — אין שטוב איז קיינער ניט געווען. סאַשקאָס מוטער האָט געמעלקט די בהמה אין שטאַל. די פּויע־רים האָבן זיך שטיל אונטערגעגנבעט. טאַראַקאַניטש האָט זיך צעלאַכט און זיך צעשריען ביי זיין ווייב אונטער דער פּלייצע:

— מאַטיאַ, „וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע," גיב נאָר די געסט צו עסן...

דאָס ווייב האָט זיך אויסגעדרייט, פאַרצאַפּלט געוואָרן אַרויסגעלאָפן פון שטאַל און האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן הויף. שפּעטער האָט זי זיך צוריקגעקערט אויף איר אָרט, זיך אַ וואָרף געטון צו טאַראַקאַניטשן אויפן האַלז און האָט זיך גענומען וואַרפן.

— קוק זי נאָר אָן, אָט אַ שלאַק,—האָט טאַראַקאַניטש גע־זאָגט און זי מילד אָפּגעשטופּט פון זיך—רוף די קינדער...

— די קינדער זענען אַוועק פונם הויף, — האָט דאָס ווייב געזאָגט, ווייס ווי די וואַנט, זיך ווייטער געלאָזט לויפן איבערן הויף און איז אַ פאַל געטון אויף דער ערד. אָך, אַלעשענקאַ,— האָט זי זיך ווילד צעשריען, — די קינדערלעך אונזערע זענען אַוועק מיט די פיס פאָרויס...

טאראקאניטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַוועק צו די שכנים. די שכנים האָבן אים דערציילט, אַז יענע וואָך האָט גאָט צוגענומען צו זיך דאָס ייִנגעלע און דאָס מיידעלע. אויף טיפוס קראַנק געוואָרן. מאַטיאַ האָט אים געשריבן, אָבער ער האָט, אפנים, די בריוו נישט באַקומען. טאראקאניטש האָט זיך אומגעקערט אין שטוב. דאָס ווייב זיינע האָט געהייצט דעם אויוון.

— האָסט זיך קונציק אָפּגעפּאַרטיקט, מאַטיאַ, — האָט טאראקאניטש געזאָגט, — קאָטעווען דאַרף מען דיך.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען טרויערן — ער האָט געטרויערט ביזן שלאָף, געגעסן פלייש, געטרונקען בראָנפן און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף דער באַלעבאַטישקייט. ער האָט געכראַפּעט ביים טיש, פון צייט צו צייט אויפגעכאַפּט זיך און ווייטער געכראַפּעט. מאַטיאַ האָט אויסגעבעט זיך און דעם מאַן אויפן בעט, און סאַשקאַן אויף דער ערד, זי האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און האָט זיך געלייגט מיטן מאַן. סאַשקאַ האָט זיך געדרייט אויפן היי ביי זיך אין ווינקל, די אויגן זיינע זענען געווען אָפן, ער איז נישט געשלאָפן, און געזען, ווי פון שלאָף, די שטוב, דעם שטערן אין פענסטער, דעם עק טיש און דעם געשפּאַן אונטער דער מוטערס בעט. אַ מאָדנע זעאונג האָט אים מיט געוואַלד פאַרכאַפּט, און ער האָט זיך אונטערגעגעבן די טרוימען, און האָט זיך געפרייט מיט זיין חלום אין וואר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון הימל הענגען אַראָפּ צוויי גראָבפּאָדעמדיקע זילבערנע שנורן, און צו זיי איז צוגעהאָנגען אַ וויגעלע, אַ וויגעלע פון ראזן האָלץ מיט געמאָלן. הויך איבער דער ערד און ווייט פון דעם הימל הוידעט זיך דאָס וויגעלע, און די זילבערנע שנורן וויגן זיך און בלישטשען. אין דעם וויגעלע ליגט סאַשקאַ און די לופט פאָכעט אַרום אים. די לופט, אַ הילכיקע, ווי מוזיק, גייט פון די פעלדער און אַ רעגנבויגן בליט אויף דעם גרינעם קאָרן.

סאַשקאַ האָט זיך געפרייט מיט זיין חלום אין וואר און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען דעם גע

שפּאַן אונטער דער מוטערס בעט. שפּעטער האָט ער דערהערט אַ סאַמען איך דער מוטערס געלעגער און ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז טאַראַקאַניטש קוועטשט זיין מוטער.
— טאַראַקאַניטש,—האָט ער הויך געזאָגט, — איך האָב צו דיר אַ געשעפט.
— וואָס פאַר אַ געשעפט דאַרט בּאַגאַכטו?—האָט טאַראַקאַניטש זיך בייז אָנגערופן,—שלאָף, מנוול...
— איך קאָן שווערן ביי גאָט, אַז איך האָב אַ געשעפט,—האָט סאַשקאַ געענטפערט,—גיי אַרויס אין הויף.
און אין הויף, אונטערן העלן שטערן, האָט סאַשקא געזאָגט צום שטיף-פאָטער:
— טו דער מוטער ניט קיין עוולה, טאַראַקאַניטש, דו ביסט אַן אָנגעשטעקטער.
— און מיין כאַראַקטער?—האָט טאַראַקאַניטש געזאָגט.
— דיין כאַראַקטער קען איך, אָבער דו האָסט געזען מיין מוטער, ווי זי איז אויפן לייב, ביי איר זענען די פיס ריינע און די ברוסט אַ ריינע, טו איר קיין עוולה ניט, מיר זענען אָנגעשטעקט.
— ליבער מענטש,—האָט דער שטיף-פאָטער געענטפערט,—גיי אַוועק פון בלוט און פון מיין כאַראַקטער, אָט האָסטו אַ צוואַנציקער און שלאָף דורך די נאַכט, ניכטער זיך אויס.
— אויף וואָס טויג מיר אייער צוואַנציקער,—האָט סאַשקאַ אַ מורמל געטון,—לאָז מיך זיין אַ פּאַסטוך.
— איך בין ניט מסכים,—האָט טאַראַקאַניטש געזאָגט...
— לאָז מיך זיין אַ פּאַסטוך,—האָט סאַשקאַ געמורמלט,—אַניט וועל איך דער מוטער אויסזאָגן, וואָס מיט אונז איז. פאַרוואָס קומט איר ביי אַזאַ לייב, צו ליידן...
טאַראַקאַניטש האָט זיך אָפּגעקערט, אַוועק אין קאַמער און האָט געבראַכט אַ האַק.
— הייליקער סאַשקאַ,—האָט ער שטיל געזאָגט,—וואָס איז דאָ לאַנג צו רעדן, איך וועל דיר דערלאַנגען מיט דער האַק, הייליקער דו...

— דו וועסט מיך איבער אַ נקבה נישט הרגענען,—האָט דאָס ייגגל שטיל, שטיל געזאָגט, און ער האָט זיך צוגעבויגן צום שטיף-פאָטער,—דיר טוט ווי דאָס האַרץ, לאָז מיך זיין אַ פּאַסטוך...

— כאַפּט דיך דער גוטער,—האָט סאַראַקאַנימש געזאָגט און האָט אַ וואָרף געטון די האַק.—גיי זיי אַ פּאַסטוך.

און ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב און איז איבער-געשלאָפן מיט זיין ווייב.

און אינדערפרי איז סאַשקאַ אַוועק צו די קאָזאַקן אָנדינ-גען זיך, און פון יענער צייט איז ער שוין געווען אַ פּאַסטוך. ער איז באַרימט געוואָרן אויפן גאַנצן געגנט מיט זיין תמימות־דיקייט, באַקומען פון די קאָזאַקן אַ צונעמעניש „סאַשקאַ-כריסטוס״ און ער איז געווען אַ פּאַסטוך די גאַנצע צייט ביז מען האָט אים נישט גערופן צום מיליטער. די עלטערע פויערים, די מער פּשוטע, פלעגן קומען צו אים אויף דער פּאַשע צו טרייבן אַביסל רכילות, די נקבות פלעגן קומען צולויפן צו סאַשקאַן אָפּדערכן אַביסל פון די ווילדע מענערשע שטיק און זיי האָבן נישט גענומען פאַר אומגוט סאַשקאַס ליבע און סאַשקאַס קרענק. אין מיליטער האָט סאַשקא פונקט געטראָפן אין דעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה. ער איז אָפּגעווען אויף דער מלחמה פיר יאָר און האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף, ווען דאָרטן האָבן באַלעבאַטעוועט די ווייסע. סאַשקאַן האָט מען צוגערעדט גיין אין דעם דאָרף פּלאַטאָווע, ווי עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַן אָפּטיילונג קעגן די ווייסע. אַן אויסגעדינטער וואַכמיסטער — סיעמיאָן מיכאַלאָוויטש בודיאָני — איז געווען דאָרט דער גרעס־טער מאַכער און אים האָבן מיטגעהאָלפן דריי ברידער: יעמעל־יאַן, לוקיאַן און דעניס. סאַשקא איז אַוועק אין פּלאַטאָווע און דאָרט איז באַשטימט געוואָרן זיין גורל, ער איז געווען אין בודיאָניס פּאָלק, אין זיין בריגאַדע און דעוויזיע און אין דער ערשטער קאָנאַרמיע. ער איז געגאַנגען צוהילף דעם העלדישן צאַרי־צין, זיך פאַראייניקט מיט וואָראָשילאָווס צענטער אַרמיי, געשלאָגן זיך אונטער וואָראָנעזש, אונטער קאַסטאָרנע און ביי דעם גע־געראַלישן בריק אויף דאָנעץ. דערנאָך איז סאַשקע געווען ביי

די פורן, ווייל ער איז שוין געווען פאַרוואונדעט, און האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אינוואַליד.

אָט אַזוי איז געווען די מעשה. פון ניט לאַנג אָן האָב איך גענומען פירן באַקאַנטשאַפט מיט סאַשקאַ-כריסטוסן און האָב אָנגעקלייגט מיין קאַסטנדל צו אים אויפן וואָגן. אָפט פלעגן מיר באַגעגענען דעם באַגינען און באַגלייטן דעם זון־אונטערגאַנג. און ווען דער קאַמף-לוסט האָט אונז פאַרייניקט — זענען מיר אין די אָוונטן געזעסן ביי דעם בלישטשענדיקן ראַנד, אָדער מיר האָבן געמאַכט טיי אין אַ פאַררויכערטן קעסל אָדער מיר זענען געשלאָפן איינער נעבן צווייטן אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער, צוגעבונדן צום פוס דאָס הונגעריקע פערד.

זאמאָסטיע

דער „נאַטשדיוו" און זיין שטאַב זענען געלעגן אויף דעם אָפּגעשניטענעם פעלד אַ ווערסט דריי פון זאַמאָסטיע. דעם מיליטער איז פאָרגעשטאַנען אַ נאַכט-אָנגריף אויף דער שטאָט. דער באַפעל האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן נעכטיקן אין זאַמאָסטיע, און דער „נאַטשדיוו" האָט געוואַרט אויף ידיעות פון אַ נצחון.

עס האָט גערעגנט. די ערד איז געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער, און איבער דער ערד האָט זיך געטראָגן ווינט און חושך. דער אויפגעבלאָזענער וואָלקן־טינט האָט אויסגעלאָשן אַלע שטערן. די אויסגעמאַטערטע פערד האָבן געזיפצט אין דער פינסטער און זענען נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון. איך האָב צוגעבונדן די צוים פון פערד צו מיין פוס, זיך איינגעהילט אין מאַנטל און זיך געלייגט אין גרוב, וואָס איז געווען פול מיט וואַסער. די צעווייקטע ערד האָט פאַר מיר צעעפנט די באַרויקנדיקע אָרעמס פון אַ קבר. דאָס פערד האָט אַ צי געטון די צוים און מיך אַ שלעפּ געטון פאַרן פוס. דאָס פערד האָט געפונען אַ בינטל גראָז און עס האָט גענומען קייען דאָס גראָז. דאַמאָלס בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און אין שלאָף דערזען אַ היי־שפּייכלער אָנגעשטאָפּט מיט היי. אין דער הויך האָט געהודזשעט דער

שטויביקער גאָלד פון דרעשן. גאַרבן ווייץ זענען געפלויגן אי־בערן הימל, דער יולי־טאָג האָט זיך שוין גענייגט צו אָוונט צו, און די געדיכטענישן פון דעם זון־אונטערגאַנג האָבן זיך צעוואָרפן אין דער הויך איבערן דאָרף.

איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויף מיין שטומען געלע־גער, און די צערטלעכקייטן פונם היי אונטער מיין האַלז־און־נאַקן האָבן מיך שיר נישט משוגע געמאַכט. שפעטער האָבן זיך די טירן פון דעם קאַמער צעפראַלט מיט אַ פייף. אַ פרוי, אויס־געפוצט אויף אַ באַל, האָט זיך דערנענטערט צו מיר. זי האָט אַרויסגענומען איין ברוסט פון אירע שוואַרצע קלייד־שפיצן און האָט, ווי אַן אַם, פאָרזיכטיק דערלאַנגט די ברוסט. זי האָט צוגעלייגט איר ברוסט צו מיינער. אַ נאָגנדיקע וואַרימקייט האָט אויפגעטרייסלט די טיפענישן פון מיין נשמה, און טראָפן שווייס האָבן אויפגעברויזט צווישן אונזערע ברוסט־וואָרצלען.

— מאַרגאָ, — האָב איך געוואָלט אַ געשריי טון, — ד׳ערד שלעפט מיך אויף אַ שטריק פון אירע אומגליקן, ווי מען שלעפט אַן איינגעשפּאַרטן הונט, אָבער דאָך האָב איך אייך דערזען, מאַרגאָ...

איך האָב געוואָלט אויסשרייען די ווערטער. אָבער אַ פלוצימדיקע קעלט האָט צענויפגעדרייט מיינע קין־באַקן, און זיי האָבן זיך נישט געקענט צענעמען. דאַמאָלס האָט די פרוי זיך אָפּגעקערט פון מיר און איז געפאַלן אויף די קני.

— יעזוס, — האָט זי געזאָגט, — נעם צו די נשמה פון דעם געשטאָרבענעם קנעכט דיינעם.

זי האָט פאַרפעסטיקט צוויי אויסגעריבענע צענערס אויף מיינע אויגן־אַפּלען און האָט אָנגעשטאָפּט מיט שמעקעדיקן היי די לאָך פון מיין מויל. אַ יאָמער האָט זיך אומזיסט געוואָרפן אין דעם קרייז פון מיינע פאַרקאָוועטע קין־באַקן, די אויסגע־לאָשענע שוואַרץ־אַפּלען האָבן זיך לאַנגזאַם אַ דריי געטון אונ־טער די מטבעות, איך האָב נישט געקאָנט צענעמען די הענט און... איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

אַ פויער מיט אַ צענויפגעקנוילטער באָרד איז געלעגן

פאָרויס נעבן מיר, ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ביקס. די פלייצע פונם פערד האָט זיך, ווי אַ שוואַרצער פאַס אַריינגעשניטן אין הימל. די צוים האָט מיט אַ שטייפן שלייף געקוועטשט מיין פוס, וואָס האָט געטאַרטשעט אַרויפצו.

— אַנטשלאָפן געוואָרן, ברודער? — האָט דער פויער געזאָגט און אַ שמייכל געטון צו מיר מיט זיינע נאַכטישע, שלאָפלאָזע אויגן, — דאָס פערד האָט דיך אַ האַלבן ווערסט דורכגעשלעפט...

איך האָב אַראָפגענומען דעם רימען און האָב זיך אויפגעשטעלט: ווילד גראָז האָט צעקראַצט און צעבלוטיקט מיין פנים.

און דאָ טאַקע, אין צוויי טריט פון מיר, איז געלעגן די פאָדערשטע מיליטער-קייט, עס האָבן זיך שוין אָנגעזען די טרויבן פון זאַמאָסטיע, די גנבישע פייערן פון זיין ענגן געטא און זיין פייער־טורעם מיטן צעבראָכענעם לאַמטערן. אַ פייכטער באַגינען האָט אַראָפגערינען אויף אונז, ווי כוואַליעס פון כלאָראפאָרם. גרינע ראַקעטן האָבן זיך אויפגעשלענגלט איבערן שונאס לאַגער. זיי האָבן געציטערט אין דער לופטן, צעפאַלן זיך, ווי רויזן אונטער דער לבנה, און זענען אויסגעלאָשן געוואָרן.

און איך האָב דערהערט אַ ווייטן בלאָז פון אַ קרעכץ. אַ רויך פון אַ באַהאַלטענער רציחה האָט זיך געוויקלט אַרום אונז.

— מען שלאָגט עמיצן.—האָב איך געזאָגט,—וועמען שלאָגט מען עס?...

— דער שונא איז אומרויק, — האָט מיר דער פויער געענטפערט,—דער שונא שלאָגט די זשידעס...

דער פויער האָט איבערגעלייגט די ביקס פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער. זיין באָרד האָט זיך שטאַרק פאַרדרייט אויף אַ זייט, ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר פול מיט ליבשאַפט און האָט געזאָגט:

— די נעכט ציען זיך דאָ אָן אַ סוף. זיי האָבן גאָר קיין סוף ניט, די נעכט, און אָט כאַפט אָן דעם מענטשן חשק זיך דורכ-

צורעדן מיט אַ צווייטן מענטש,—אָבער ווי נעמט מען אים, אָט דעם צווייטן מענטש?...

דער פויער האָט מיך געצוווּנגען פאַרויכערן פון זיין פּייערל.

— דער זשיד איז תמיד שולדיק, —האָט ער געזאָגט, — סיי ביי אונדז און סיי ביי פרעמדע. פון זיי וועט נאָך דער מלחמה גאָר אַ נישטיקע צאָל איבערבלייבן. וויפל רעכנט מען איז אויף דער וועלט פאַראַן זשידעס?

— צען מיליאָן,—האָב איך געענטפערט, און גענומען צוויי־מען דאָס פערד.

— צווייטויזנט וועט פון זיי בלייבן, — האָט דער פויער אויסגעשריען און מיך גענומען פאַר דער האַנט פון מורא, אַז איך וועל אַוועקגיין פון אים. אָבער איך האָב זיך אַרויפגע־קלעטערט אויפן זאָטל און האָב אַוועקגעיאָגט צום אָרט, ווי דער שטאַב איז געווען.

דער נאַטשדיוו איז שוין געווען גרייט אַוועקצופאָרן. זעלנער זענען געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן און זענען גע־שלאָפן שטייענדיקערהייט, צעטויפגעדריקטע עסקאַדראָנען האָבן געפּויזעט איבער די נאַסע בערגלעך.

— אונזער שרויף האָט זיך צוגעדריקט, — האָט אַ מורמל געטון דער נאַטשדיוו און איז אַוועקגעפאָרן.

מיר האָבן זיך געלאָזט נאָך אים אויפן וועג קיין סי־טאַנעץ.

עס האָט ווייטער גענומען רעגענען. טויטע מייז זענען געשווומען אויף די וועגן. דער האַרבסט האָט באַלאַגערט אונזע־רע הערצער, און די בוימער, נאַקעטע מתים, אַוועקגעשטעלטע אויף ביידע פיס, האָבן זיך געוויגט אויף די שייד־וועגן.

מיר זענען געקומען אין סיטאַנעץ אינדערפרי. איך בין געווען מיט וואָלקאָוון, דעם „קוואַרטיריער" פון שטאַב. ער האָט געפונען פאַר אונז אַ פריי שטיבל ביים עק דאָרף.

— ווין,—האָב איך געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע,—ווין, פליישׁ און ברויט.

די אַלטע איז געזעסן אויפן בריק און געהאָדעוועט אַ קעלבל, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטערן בעט.

— גאָרנישט נישטאָ, — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט — און איך געדענק שוין נישט די צייט, ווען עס איז עפּעס געווען...

איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש, אַראָפּגענומען פון זיך דעם רעוואָלווער און בין אַנטשלאָפן געוואָרן. אין אַ פערטל שעה אַרום האָב איך אויפגעעפנט די אויגן און האָב דערזען וואַלוואָקון, וואָס איז געזעסן איינגעבויגן ביים פענסטער און האָט געשריבן אַ בריוו צו זיין כלה.

„הויכגעשעצטע וואַליא, — האָט ער געשריבן, — געדענקט איר מיך?"

איך האָב איבערגעלייענט די ערשטע שורה, שפּעטער אַרויסגענומען שוועבעלעך און האָב אונטערגעצונדן אַ הויפן שטרוי אויף דער ערד. דער באַפרייטער פלאַם האָט אַ שמע־ריר געטון און זיך אַ וואָרף געטון צו מיר. די אַלטע האָט זיך מיט דער ברוסט אַרויפגעלייגט אויפן פייער און האָט אים פאַרלאָשן.

— וואָס טוסטו, פריץ? — האָט די אַלטע געזאָגט און איז אָפּגעטראָטן פול מיט שרעק.

וואלקאוו האָט זיך אויסגעדרייט, אָנגעשטעלט אויף דער באַלעבאָסטע זיינע פּוסטע אויגן און האָט זיך ווייטער גענומען צום בריוו.

— איך וועל דיך פאַרברענען, אַלטע, — האָב איך גע־זאָגט שוין האַלב פון שלאָף, — דיך וועל איך פאַרברענען און דיין געגנבעטע קעלבל...

— וואַרט, — האָט די בעל־הביתטע דאַמאָלס הויך אַ גע־שריי געטון. זי איז דורכגעלאָפן אין פאָדער־הויז און זיך אומ־געקערט מיט אַ קריג מילך און מיט ברויט. מיר האָבן נישט באַוויזן אויפצועסן אַפילו האַלב, און אויפן הויף האָט זיך שוין דערהערט אַ שיסעריי, אַ שיסעריי אָן סוף און אָן אַן עק. דאָס שיסעריי האָט לאַנג געדויערט, און איז אונז נמאס געוואָרן.

מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס טרינקען מילך, און וואלקאוו איז אַרויס אין הויף זען וואָס איז געשען.

— איך האָב אָנגעזאָגט דיין פערד, — האָט ער געזאָגט צו מיר דורכן פענסטער, — מיינעם האָט מען אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז בעסער קאָן שוין נישט זיין. דער שונא שטעלט אויס קוילנוואַרפער אַ טריט הונדערט פון דאַנען.

און פאַר אונז צווייען איז געבליבן נאָר איין פערד. דאָס פערד האָט אונז ביידן אַרויסגעטראָגן פון סיטואַציע. איך האָב זיך געזעצט אויפן זאָטל, און וואלקאוו האָט זיך איינגעמאָסטעט פון הינטן.

די אָבאָזן זענען געלאָפן, געבריליט און געטרונקען זיך אין דער בלאָטע. און דער פרימאָרגן האָט געטריפט אויף אונז, ווי כלאָראָפאָרם טריפט אויף אַ שפּיטאָל־טיש.

— איר האָט אַ ווייב, לוויטאָוו? — האָט וואלקאוו, וואָס איז געזעסן הינטן, פלוצים געפרעגט.

— דאָס ווייב האָט מיך אַוועקגעוואָרפן, — האָב איך געענטפערט און בין אנדרימלט געוואָרן אויף עטלעכע רגעס. און מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך שלאָף אין בעט.

אַ שטיל שווייגן.

דאָס פערד אונזערס וואַקלט זיך.

— נאָך אַ ווערסט צוויי און די שקאַפּע וועט צושטיין, — זאָגט וואלקאוו, וואָס זיצט פון הינטן.

אַ שטיל שווייגן.

— מיר האָבן פאַרשפּילט די קאָמפּאַניע, מורמלט וואלקאוו און ווערט אַנטשלאָפן מיט אַ כראָפּ.

— יאָ, — זאָג איך.

זאַלץ

טייערער חבר רעדאַקטאָר. איך וויל אייך באַשרייבן די ניט באַוווסטזיניקע פּרויען, וואָס זענען פאַר אונז שעדלעך. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, אַז בשעת איר זענט אַרומגעפאָרן איבער די בירגערלעכע פראָנטן, כּדי צו מאַכן פון זיי אייערע נאָטיצן, האָט איר געוויס ניט אויסגעמיטן די פאַרשאָלטענע סטאַציע פאַסטאָוו, וואָס געפינט זיך אויף אַ וויטן שטח, אין אַ ווייטער מדינה, ערגעץ הינטער די הרי חושך. — איך בין דאָרט פאַרשטייט זיך, געווען, ביר און בראָנפן געטרונקען, ביי מיר האָט איבער דער באָרד געריבען און אין מויל קיין סימן. וועגן דער אויבנדערמאָנטער סטאַציע איז גענוג פאַראַן, וואָס צו שרייבן, אָבער, — ווי זאָגט מען ביי אונז אויף אונזער פּראָסטן לשון, — גאָטס נסים וועסטו ניט איבערציילן. דעריבער וועל איך אייך באַשרייבן נאָר דאָס, וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען.

עס איז געווען אַ שטילע, ווילדע נאַכט, אַ טאָג זיבן צוריק, ווען אונזער צוג פון דער קאָנאַרמיע, דער צוג, וואָס האָט אַזויפיל פאַרדינסטן, האָט זיך, אָן אָנגעלאָדענער מיט קעמפער, דאָרט אָפּגעשטעלט. אַלע האָבן מיר געחלשט מיטצוהעלפן דער אַלגעמיינער זאַך, אין די ריכטונג האָבן מיר געהאַט אויף בערדיטשעוו. אָבער דאָ כאַפּן מיר זיך, אַז דער

צוג אונזערער רירט זיך בשום אופן נישט, גאָווריליקאַ אונזע־רער דרייט נישט, און די קעמפּער האָבן אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג, דורכצוואַרפן אַפּאָר ווערטער צווישן זיך,— וואָס איז די סיבה פונם שטייען? און ווירקלעך, די סיבה פונם שטייען איז אַרויסגעקומען אַ ריזיק שעדלעכע פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, און איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ספּעקוליאַנטן, די בייזע שונאים, און צווישן זיי אויך אַן אומגעהויערע צאָל פון דעם פרויען געשלעכט, האָבן זיך חוצפּהדיק באַגאַנגען מיט דער אייזנבאַן־מאַכט, אָן שום מורא האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענטלעך פון די וואַגאָנעס, מיט גיכע טריט זענען זיי אַרומ־געלאָפן איבער די אייזערנע דעכער, געפּלאָנטערט זיך, געדרייט זיך און אין יעדער זייער האַנט האָט פיגורירט די ווייט נישט אומבאַוווסטע זאַלץ, ביז פינף פוד אין אַ זאַק. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער טריומף פונם קאַפּיטאַל ביי די ספּע־קוליאַנטן. די איניציאַטיוו פון די קעמפּער, וואָס זענען אַרויס־געקראָכן פון די וואַגאָנעס האָט געגעבן די מעגלעכקייט דער אונטערדריקטער אייזנבאַן-מאַכט צו אָפּכאַפּן פריי דעם אָטעם, און אין דער געגנט איז איבערגעבליבן נאָר דער פרויען-גע־שלעכט מיט זייערע טאָרבעס, דערצו די קעמפּער האָבן זיך מרחם געווען אויף זיי און האָבן אַ טייל פרויען אַריינגעזעצט און אַ טייל פרויען נישט אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנעס. אויך אין אונזער וואַגאָן פון דער צווייטער ראָטע האָט מען אַריינ־גענומען צוויי מיידלעך, און נאָכן צווייטן קלינג גייט צו צו אונז אַ וווקסיקע פרוי, מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט, זאָגנדיק דערביי:

— לאָזט מיך אַריין, ליבע קאָזאַקעלעך, די גאַנצע צייט פון מלחמה מאַטער איך זיך איבער די וואָקזאַלן מיט אַ פּיצל קינד ביי דער ברוסט, און איצט וויל איך זיך זען מיט מיין מאַן און איבער דער אומאָרדנונג אויף די באַנען קאָן איך בשום אופן נישט פאָרן, האָב איך דאָס ביי אייך, ליבע קאָזאַק־לעך, גאָר נישט פאַרדינט?

— אגב, פרוי,—זאָג איך צו איר,—וויאַזוי דער באַשלוס

פון דער ראָטע וועט זיין, אַזוי וועט באַשטימט ווערן אייער גורל.—און ווענדנדיק זיך צו דער ראָטע, דערוויז איך זיי, אַז די שטאַלטיקע פרוי וויל פאָרן צום ווין־אָרט פון איר מאַן און אַ פיצל קינד, ווירקלעך, געפינט זיך נעבן איר — און ווי וועט זיין אייער מיינונג: לאָזן זי, צי ניט?

— לאָז זי,—שרייען די חברה־לייט, — נאָך אונז וועט זי שוין קיין חשק ניט האָבן צום מאַן.

— ניין,—זאָג איך צו דער חברה גאַנץ העפלעך.—איך בין צו אייער דינסט, ראָטע. אָבער עס וואונדערט מיך זייער צו הערן פון אייך אַזאַ מין חזירײַ. — דערמאָנט זיך, ראָטע, אין אייער לעבן, וויאַזוי איר זענט אַליין געווען פיצלעך ביי אייערע מוטערס, און עס באַקומט זיך אַזוינס, ווי עס פאַסט גאָר־ניט צו רעדן אַזוי...

און די קאָזאַקן, דורכרעדנדיק זיך צווישן זיך, וואָס פאַר אַן איבערצייגנדיקער ער, באַלמאַשאָוו, הייסט עס, איז, האָבן זיי געלאָזט די פרוי אין וואַגאָן אַריין, און זי קריכט אַהין מיט דאַנקבאַרקייט. און יעדערער, צעוואַרעמט פון מיינע אמתע רייד, העלפט איר זיך זעצן. אַלע אינאיינעם האָבן אונטערגע־ברומט:

—זעצט זיך, פרוי, אין ווינקל און לאַשטשעט אייער פיצל, ווי עס פאַסט פאַר אַ מוטער. קיינער וועט אייך אין ווינקל ניט אָנרירן, און איר וועט אַ ניט אָנגערירטע, קומען צום מאַן, ווי איר אַליין ווינטשט זיך עס. און מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייער יושר, אַז איר וועט אונז אויסכאָוון אַ יונגן דור, ווייל דאָס אַלטע ווערט אַלט. און קיין יונגס איז ווייניק וואָס צו זען. צרות זענען מיר ניט זשעדנע געווען, אויף דער גאַנצער דינסט אונזערער, דער הונגער האָט אונז געדריקט, און די קעלט האָט אונז געבריט, און איר זיצט אייך, פרוי, גאַנץ זיכער...

און, אָפּקלינגענדיק דעם דריטן קלינג, האָט זיך דער צוג גערירט. און אַ ווילע נאַכט האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט, ווי אַ געצעלט. און אין דעם געצעלט זענען געווען ברענענ־דיקע שטערן, און די קעמפער האָבן זיך דערמאָנט אָן דער

קובאַנישער נאַכט און אָן דעם גרינעם קובאַנישן שטערן און אַ מחשבהלע איז זיך אַ פלי געטון, ווי אַ פויגל. און די רעדער האָבן קלאַפּ־געקלאַפּט, קלאַפּ־געקלאַפּט...

אָבער מיט אַ שטיק צייט שפּעטער, ווען די נאַכט איז אַראָפּ פון דער וואַך, און די רויטע פויקערס האָבן גענומען אויסשפּילן דעם באַגינען אויף זייערע רויטע פויקן, דאַמאָלס זענען צוגעטרעטן צו מיר די קאָזאַקן, זעענדיק, אַז איך זיץ וואַכנדיק און בין אומעטיק ביז גאָר.

— באַלמאשאָוו, — זאָגן צו מיר די קאָזאַקן, — פאַרוואָס ביסטו שרעקלעך אומעטיק און פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— צו אייער דינסט בין איך, קעמפער, און איך בעט ביי אייך אַביסל מחילה, אָבער דערלויבט מיר צו רעדן אַפּאָר ווערטער מיט דער בירגערין...

און אַ ציטער גייט איבער איבערן גאַנצן קערפּער, הויב איך זיך אויף פון מיין געלעגער, וואָס דער שלאָף איז פון אים אַנטרינען—ווי אַ וואָלף פון אַ מחנה בייזע הינט, און גיי צו צו איר און נעם ביי איר פון די הענט דאָס פּיצל קינד און רייס פון אים אַראָפּ די ווינדעלעך מיט די שמאַטעס, און זע אונטער די ווינדעלעך אַ היפּשן פּוד זאַלץ.

— אָט האָט איר, חברים, אַן אַנטירעסאַנט קינד, וואָס קיין ציצי וויל עס ניט, נעצן נעצט עס ניט און מענטשן לאָזט עס רויק שלאָפן...

— זייט מוחל, ליבע קאָזאַקעלעך, —קריכט די פרוי אַריין אין נעשפּרעך זייער קאַלטבלוטיק, — ניט איך האָב אָפּגענאַרט, די צרות מיינע האָבן אָפּגענאַרט...

— באַלמאשאָוו וועט מוחל זיי, דיינע צרות, — ענטפער איך אָפּ דער פרוי, — באַלמאשאָוו האָט צו זיי ניט דערלייגט, באַלמאשאָוו בלייבט זיך ביים קרן, אָבער קוקט זיך אום צו די קאָזאַקן, וואָס האָבן דיך געשטעלט הויך, ווי אַן אַרבעטנדיקע מוטער אין דער רעפּובליק, קוקט זיך אום אויף די צוויי מייד־לעך, וואָס פאַרגיסן טרערן אין דעם מאָמענט, אַלס געליטענע פון אונז אין היינטיקער נאַכט. קוקט זיך אום אויף קובאַן,

וואָס איז פיל מיט ווייץ, און אויף אונזערע ווייבער דאָרט, וואָס שמאַכטן דאָרט אָן די מענער זייערע, און די מענער, אויך איינזאַמע, מוזן נעבעך פאַרגעוואַלדיקן די מיידלעך, וואָס גייען איצט דורך פאַר זייער לעבן... און דיך האָט מען ניט אָנגע-רירט. הגם דיך, נידערטרעכטיקע, וואָלט מען טאַקע דווקא יאָ געדאַרפט אָנרירן.—קוקט זיך אום אויף רוסלאַנד, וואָס איז דער־קוועטשט פון ווייטיק...

און זי צו מיר:

— איך האָב מיין זעלן אָנגעוואָרן, איך האָב פאַרן אמת קיין מורא ניט, איר טראַכט גאָרניט וועגן רוסלאַנד. די זשי־דעס—לענינען און טראָצקען—ראַטעווער איר.

— מכוח זשידעס איז איצט קיין רייד ניט, שעדלעכע בירגערין דו, זשידעס געהערן אַהערצו ניט, אגב, וועל איך מכוח לענינען ניט זאָגן, אָבער טראָצקי איז דעם טאַמבאָוער גובערנאַטאָרס אַ זון, און ער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, הגם ער איז פון אַן אַנדער שטאַם. ווי פאַראורטיילטע קאַטאָרזשניקעס שלעפן זיי—לענין און טראָצקי—אונז אַרויס אויפן פרייען לעבנס־וועג, און איר, פאָדלע ביר־גערין, זענט מער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערקע, ווי יענער ווייסער גענעראַל, וואָס דראָט אונז מיט אַ שאַרפן שווערד אויף זיין טויזנט רובלדיקן פערד... מען זעט אים, יענעם גענעראַל, פון אַלע וועגן. און דער אַרבעטער האָט זיך זיין מחשבהלע־טרוים—אים צו דערשטעכן און אייך, נישט ערלעכע בירגערין, מיט אייערע אַנטירעסאַנטע קינדערלעך, וואָס ווילן קיין ברויט ניט און בעטן זיך אויף דער גאַס ניט. אייך זעט מען ניט, ווי אַ פלוי, און איר טאָטשעט, איר טאָטשעט און טאָטשעט...

און איך בין זיך, ווירקלעך, מודה, אַז איך האָב אַראָפּ-געוואָרפן די בירגערין, בשעת דער צוג איז געגאַנגען פון בערגל אַראָפּ, אָבער זי, וואָס איז אַ גראָבהויטיקע און פעטע, איז נאָר געבליבן זיצן אַביסל אויף דער ערד, אַ טרייסל געטון די קליידלעך און איז זיך אַוועק מיט איר וועג. און דערזעענדיק די גאַנץ־געבליבענע פרוי און דאָס אומבאַשרייבלעכע רוסלאַנד אַרום

איר, און די פויערשע פעלדער אָן זאַנגען, און די פאַרגעוואַל־דיקטע מיידלעך, און די חברים, וואָס פאָרן אַ סך אויפן פראָנט און קערן זיך ווינציק אום צוריק,—דערזעענדיק דאָס אַלץ, האָב איך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון וואַגאָן און מאַכן צו מיר אָדער צו איר אַ סוף. אָבער די קאָזאַקן האָבן זיך מרחם געווען אויף מיר און זיי האָבן געזאָגט:

— דערלאַנג איר פון ביקס.

און אַראָפּנעמענדיק פון דער וואַנט די געטרייע ביקס מיינע, האָב איך אַראָפּגעשווענקט די שאַנד פון דער אַרבעטער־ערד און פון דער רעפּובליק,

און מיר, די קעמפער פון דער צווייטער ראָטע, שווערן פאַר אייך, טייערער חבר רעדאַקטאָר, און פאַר אייך, טייערע חברים פון רעדאַקציע, אומברחמנותדיק צו באַגיין זיך מיט אַלע פאַרעטער, וואָס שלעפּן אונז אין אַ גרוב אַריין און ווילן אַקער טון דאָס טייכל אויף צוריק און אויסבעטן רוסלאַנד מיט טויטע קערפּער און טויטן גראָז.

פאַר אַלע קעמפער פון דער צווייטער ראָטע—נ י ק י ט אַ ב אַ ל מ אַ ש אָ ו, אַ זעלנער פון דער רעוואָלוציע.

דער סוף פונם הײליקן איפּאַטי

איך בין נעכטן געווען אין דעם איפּאַטיעווער מאָנאַסטיר, און דער מאָנאַך אילאַריאָן, דער לעצטער פון די מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט אױפגעהאַלטן, האָט מיך אַרומגעפירט איבערן הויז פון די באָיאַרן ראָמאַנאָװער.

אין 1613 יאָר זענען די מאָסקווער שליחים געקומען אַהער בעטן מיכאַיל פעדאָראָוויטש פאַר אַ קיסר.

איך האָב געזען דעם אויסגעטראָטענעם ווינקל, ווו די מאָנאַכין מאַרפאַ, דעם קיסרס מוטער, פלעגט מתפלל זײַן, איך האָב געזען דעם טונקעלעם אַלקער און דעם טורעמל, פון וואַנען זי פלעגט זיך צוקוקן צו וועלף־געיעג אין די קאָסטראָמער וועלדער.

מיר זענען אַדורך מיט אילאַריאָנען דורך די שוואַכע בריקלעך, וואָס זענען געווען פאַרשאָטן מיט הויפנס שניי, מיר האָבן צעשראָקן די קראָען, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דעם באָיאַרישן פּאַלאַץ, און מיר זענען אַרויס צו אַ קלויסטער פון אַ וווּנדערבאַרער שײנקייט.

דער קלויסטער איז געווען אַרומגעקרייזט מיט אַ קראַנץ פון שנייען, ער איז געווען אויסגעמאָלט אויף העליש־רויט און העל בלוי און, ווי אַ קאָלירט טיכל פון אַ רוסישער פויערטע, האָט ער זיך אַרויפגעלייגט אויף דעם פאַרוויכערטן הימל פון צפון.

די ליניען פון דעם באַשיידענעם שפּיץ זענען געווען צניעותדיקע, די העל־בלויע ביי־געביידעלעך זענען געווען אָנגעבלאָזענע און די געמעל־טאָוולען פון די פענסטער האָבן געגלאַנצט אויף דער זון מיט אַן אומנוצלעכן גלאַנץ.

אין דעם פּוסטן קלויסטער האָב איך געפונען די אייזערנע טויערן, וואָס איוואַן דער גרויזאַמער האָט זיי געשענקט, איך האָב באַקוקט די הייליקע בילדער, דעם גאַנצן אוהל און דעם אַש פון דעם אומבארחמנותדיקן הייליקטום.

די הייליקע — ווילדע נאַקעטע גוים מיט אויסגעטליעטע זייטן — האָבן זיך געקאָרטשעט אויף די אַרומגעריסענע ווענט, און נעבן זיי איז געווען אָנגעמאָלן די רוסישע הייליקע מוטער: אַ דאַרע פרוי מיט צעשפּרייטע קניעס און מיט אַראָפּהענגענדיקע ברוסטן, וואָס זענען געווען ענלעך אויף אַן איבעריקע פּאָר גרינע הענט.

די אור־אַלטע הייליקע בילדער האָבן אַרומגעקרייזט מיין לייכטזיניק האַרץ מיט אַ קעלט פון טויטע ליידנשאַפטן, און איך האָב זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זיי, קוים אַרויסגעראַטעוועט זיך פון אָט די טויטע הייליקע.

און אַלץ אַרום איז געלעגן דאָ אין קלויסטער פאַרגליווערט, אויסגעפּוצט, און געהאַט אַן אויסזען פון אַ מת, וואָס מען האָט שוין אַרומגעוואַשן ביי אים אין שטוב, אָבער מען האָט אים נאָך ניט געבראַכט צו קבורה.

און נאָר דער פּאָטער אילאַריאָן האָט זיך אַרומגעדרייט נעבן זיינע בר־מיננס. ער האָט צוגעהינקט אויף דעם לינקן פוס, אָפּט אַגדרימלט געוואָרן, געקראַצט זיך אין זיין שמוציקער באָרד און איז מיר גיך נמאס געוואָרן.

דאַמאָלס האָב איך צעפּראַלט די טויערן פון איוואַן דעם פערטן, דורכגעלאָפן אונטער די שוואַרצע באַלקנס צום פּאַלאַץ, און דאָרט האָט מיר אַ בלישטשע געטון אין די אויגן דער טייך וואָלגאַ, איינגאַנצן אַ פאַרקאָווועטער אין אייז.

דער רויך פון קאַסטראַמאַן האָט זיך געהויבן אַרויף און האָט זיך געמאַכט אַ וועג דורך די שנייען; גוים, אַרומגעהילט

מיט געלע אַרעאַלן האָבן געפירט מעל אויף די שליטנס, און זייערע משא־פערד האָבן אַריינגעהאַקט אין שניי די אייזערנע קאָפּיטעס.

די געלע פערד, וואָס זענען געווען אַרומגעהאָנגען מיט געפריר און מיט אייז, האָבן הויך געעטעמט אויפן טייך, ראָזע צפון־בליצן זענען אַרומגעפלויגן צווישן בוימער, און אַן ערב־רב, אַן אויסטערלישער ערב־רב האָט געפּויזעט אַרויף אויף די געפרוירענע בערג.

אַ ברענענדיקער ווינט האָט געבלאָזן אויף זיי פון וואָלגאַ, אָן אַ שעור ווייבער האָבן געגרוזניעט אין די שניי־בערגלעך, אָבער זיי זענען געגאַנגען אַלץ העכער און האָבן זיך בעצויגן צום מאָנאַסטיר צו מיט אַ פייף, ווי אָנגרייפנדיקע רייען.

אַ פרויען געלעכטער האָט געדונערט אין דער הויך, סאַ־מאוואַר־קוימענס און מולטערס האָבן זיך געהויבן אויפן אויפ־שטייג, און יינגלשע גלישערס האָבן געיאָכצט ביים פאַרקערע־ווען זיך.

די אַלטע ווייבער האָבן געשלעפּט אַ משא אַרויף אויפן הויכן באַרג — אויפן באַרג פון דעם הייליקן איפּאַטי — אין זייערע שלי־טעלעך זענען געשלאָפן פיצלעך קינדער, און ווייסע ציגן זענען זיי נאָכגעגאַנגען אויף אַ צוים.

— שדים, — האָב איך אַ געשריי געטון, ווען איך האָב זיי דערזען, און איך בין אָפּגעטרעטן פאַר דעם אומדערהערטן אָנ־קום. — צי גייט איר צו דער מאָנאַכין מאַרפאַ, כדי צו בעטן איר זון, מיכאַיל פיעדאָראָוויטש, פאַר אַ קיסר?

— כאַפּט דיך דער גוטער יאָר! — האָט אַ פרוי מיר אָפּגע־ענטפערט און איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס. — פאַרוואָס שפּילסטו זיך מיט אונז אין וועג? דאַרפן מיר דען פאַרגיין אין טראָגן פון דיר, צי וואָס?

און זי האָט זיך איינגעשפּאַנט אין אַ שליטן און האָט אים אַריינגעשלעפּט אין מאָנאַסטיר־הויף אַריין, און בשעת מעשה האָט זי שיר ניט איבערגעקערט דעם פאָטער אילאַריאָן, וואָס איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן, זי האָט אַריינגעשלעפּט

אין דעם מאָנאַסטיר—אין אָט דעם וויגעלע פון די מאָסקווער קיסרים — אירע מולטערס, אירע געגנז און אַ גראַמאָפאָן אָן אַ טרובע. זי האָט זיך אָנגערופן סאַוויטשיאָווא און געפאָדערט פאַר זיך די וווינונג נומער 19, אין די אַרכירעישע חדרים.

און מען האָט צו מיין פאַרוווּנדערונג געגעבן פאַר דער פרוי סאַוויטשיאָווא אַ וווינונג און נאָך איר אויך פאַר אַלע איבע־ריקע.

דאָ האָט מען מיר ערקלערט, אַז דער טעקסטיל פאַריין האָט אויפסניי אויסגעבויט אין דער אָפּגעברענטער געביידע 40 דירות פאַר די אַרבעטער פון קאסטראַמער פאַרייניקטער פּאָלקס־מאַנופאַקטור און, אַז היינט ציען זיי זיך אַריבער אין דעם מאָנאַסטיר.

דער פּאָטער אילאַריאָן איז געשטאַנען ביים טויער און האָט געציילט די ציגן און די איינגעוואַנדערטע, שפּעטער האָט ער מיך אַ רוף געטון טרינקען טיי און האָט שווייגנדיק אַוועק־געשטעלט אויפן טיש עטלעכע טעפּעלעך. די טעפּעלעך האָט ער צוגעגנבעט פון דעם פּאַלאַץ, בשעת מען האָט געגומען אין מוזיי אַריין דאָס גאַנצע געפּעס פון די ראָמאַנאָווער.

מיר האָבן געטרונקען פון די טעפּעלעך טיי, ביז אַ שוויים האָט אונז באַשלאָגן. ווייבערשע באָרוועסע פיס האָבן געטאַפּ־טשעט אויף די פענסטער-ברעטלעך. די ווייבער האָבן געוואַשן די שויבן אויפן נייעם אָרט.

שפּעטער האָט אַ רויך מיטאַמאָל אַ וואָלגער געטון פון אַלע קוימענס, פונקט ווי זיך צעגויפגערעדט, אַן אומבאַקאַנטער האָן איז אַרויפגעפלויגן אויפן קבר פונם פּאָטער סיאָני און אָנ־געהויבן קרייען, עמעצנס אַ האַרמאָשקע האָט פרייער אויסגענאָגט דעם פּאָרשפּיל, דערנאָך פאַרצויגן זיך מיט אַ צערטלעך ליד, און אַ פרעמדע אַלטיטשקע אין אַ זשיפּיצע האָט אַריינגע־שטעקט דעם קאָפּ אין דעם פּאָטער אילאַריאָנס צעלע און געבעטן ביי אים אַביסל זאַלץ צום באָרשטש.

עס איז שוין געוועזן פינסטער, ווען די אַלטיטשקע איז געקומען צו אונז; שאַרלעך-רויטע וואָלקנס זענען אויפגעשווימען

און אויפגעשוואָלן געוואָרן אין דער הויך, איבער דער וואָלגא, דער טערמאָמעטער אויף דער דרויסנדיקער וואַנט האָט געוויזן 40 גראַד פראָסט, ריזיקע פייערן האָבן זיך, אָן כוחות בלייבנדיק, אַרומ־געיאָגט איבערן טייך, און פונדעסטוועגן איז עפּעס אַ מונטערער בחור עקשנותדיק געקראָכן אויף אַ צוגעפּראָרענער לייטער, געקראָכן צו דעם ברעטל, וואָס איז געווען אין הויך אויפן טויער,—געקראָכן, כדי אויפצוהענגען דאָרט אַ קינדערשן לאַמ־טערנדל און אַ שילד מיט אָן אַ שיעור: אותיות „ססס ר" און „ס ר ס פ ר ס", מיט דעם צייכן פון טעקסטיל־פאַריין, מיט אַ סערפּ און אַ האַמער, און מיט אַ פּרוי ביי אַ וועב־שטול, וואָס פון אים זענען זיך צעגאַנגען שטראַלן אין אַלע זייטן.

ליביע און פארב

אַלעקסאַנדר פעדאָראָוויטש קערענסקין האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם 20 דעצעמבער 1916 אין דעם עס־זאַל פון דער סאַנאטאָריע אָליאַ. אונז האָט באַקאַנט דער אַדוואָ־קאָט זאַצאַרעני פון טורקעסטאַן. וועגן זאַצאַרענין האָט מען דער־ציילט, אַז ער האָט זיך מל געווען, ווען ער איז אַלט געווען פערציק יאָר. דער משוגענער גרויספירשט פעטר ניקאָלאַיעוויטש, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַשקענט, האָט טייער גע־האַלטן זאַצאַרענים פריינדשאַפט. דער גרויספירשט האָט זיך אַרום־געשפאַצירט איבער די גאַסן פון טאַשקענט אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געבוירן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָזאַטשקע, געשטעלט ליכטלעך ביי וואָלטערס פאָרטרעט, אַזוי ווי מען שטעלט זי ביי אַ הייליק בילד, און זיך פאַרנומען מיט אויס־טרוקענען די גרענעצלאָזע טאלן פון אַמו־דאַריאַ. זאַצאַרעני איז געווען זיין פריינד.

הייסט דאָס—אָליאַ. אין צען קילאָמעטער פון אונז האָבן געפינקלט די בלויע גראַניט־שטיינער פון העלסינגפאָרס. אַ, העלסינגפאָרס, די ליבע פון מיין האַרצן. אָ, פליסנדיקער הימל, וואָס פליט אַהער ווי אַ פויגל!

הייסט דאָס—אָליאַ, די צפון־בלומען טליען אין די קרוגן, די הירשן־הערנער זענען צעשפרייט איבער דער טונקעלער סטעליע, אין דעם עס־צימער שמעקט מיט סאסנע און מיט

קילער ברוסט פון גרעפין טישקעוויטש און מיט זיידענע וועש פון די ענגלישע אָפּיצירן.

ביים טיש נעבן קערענסקין זיצט דער העפלעכער משומד פון פּאָליציי־דעפּאַרטאמענט, רעכטס דער נאָרוועגער ניקעלסאָן, דער אייגנטימער פון דער יאַגד־שיף אויף וואַלפיש, לינקס— גרעפין טישקעוויטש, וואָס איז שיין, ווי מאַריא-אַנטואַנעטע.

קערענסקי האָט אויפגעגעסן דריי פּאָרציעס דעסערט און איז אַוועק מיט מיר אין וואַלד אַריין. פאַרביי אונז האָט זיך דורכגעטראָגן אויף גליטש־שיך פּרעקען קירסטי.

— ווער איז דאָס?—האָט געפרעגט אַלעקסאַנדר פעדאָראָ־וויטש.

— ניקעלסאָנס טאָכטער, פּרעקען קירסטי.— האָב איך גע־זאָגט,—ווי שיין זי איז...

שפּעטער האָבן מיר דערזען דאָס היטל פון דעם אַלטן יאָהאַנעס.

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט אַלעקסאַנדר פעדאָ־רויטש?

— דער אַלטער יאָהאַנעס,—האָב איך געזאָגט.—ער ברענגט צופירן פון העלסינגפאָרס ווייך און פּרוכטן, איר קענט דען ניט דעם אָנטרייבער יאָהאַנעס?

— איך קען דאָ אַלעמען.—האָט קערענסקי געענטפערט,— אָבער איך זע קיינעם ניט.

— איר זענט קורצזיכטיק, אַלעקסאַנדר פעדאָראָוויטש?

— יאָ, איך בין קורצזיכטיק.

— איר דאַרפט האָבן ברילן, אַלעקסאַנדר פעדאָראָוויטש.

— קיינמאָל ניט.

דאַמאָלס האָב איך געזאָגט מיט אַ יינגלשער היציקייט.

— באַטראַכט זיך נאָר, איר זענט ניט נאָר בלינד. איר זענט כמעט טויט. די ליניע, דער געטלעכער שטריך, די הער־שערין פון דער וועלט האָט זיך פון אייך אויף שטענדיק אַרויסגעגליטשט. מיר גייען מיט אייך אַרום אין אַ כישוף־גאָרטן, אין דעם וווּנדערלעכן פינישן וואַלד. ביז דער לעצטער שעה

אונזערער וועלן מיר שוין קיין שענערס ניט זען, אָבער איר קאָנט ניט זען אָט די פאַרפרוירענע ראָזע ראַנדן פון דעם וואַסערפאַל, דאָרט ביים טייך, אין אָט דער וויינענדיקער ווערבע, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן איבערן וואַסערפאַל — און איר קאָנט ניט זען זיינע יאַפּאַנישע שניצערייען. די רויטע סאָסנע־שטאַמען זענען באַשאָטן מיט שניי, און דער שניי שעמערירט מיט אַ צעוואָרפענעם גלאַנץ. דער גלאַנץ הויבט זיך אָן מיט אַ טויטער ליניע, וואָס איז צוגעטוליעט צום בוים, און פאַרענדיקט זיך אויפן איבערפלאַך, און דער איבערפלאַך שלענגלט זיך, ווי לעאָנאַרדס אַ ליניע, מיטן אָפּגלאַנץ פון די פלאַקערדיקע וואָלקנס, היינט דער זיידענער זאַק פון פרעקען קירסטי. היינט די ליניע פון איר שוין רייפן פוס? קויפט זיך ברילן, אַלעקסאַנדר פעדאָראָוויטש, איך באַשווער אייך...

— קינד,—האָט ער געענטפערט,—היצט זיך נישט אומזיסט, די 50 קאָפּיקעס, וואָס עס קאָסטן ברילן, זענען די איינציקע 50 קאָפּיקעס, וואָס איך פאַרשפּאָר. איך נויטיק זיך ניט אין אייער ליניע, וואָס איז באַשטענדיק, ווי דיווירקלעכקייט. איר לעבט ניט בעסער פון אַ טריגאָנאָמעטריע־לערער, און איך בין אַרומגערינגלט מיט וווּנדער אפילו אין דער שטאָט קליאַזמע, וואָס טויגן מיר די זומער־שפּרענגעלעך אויף פרעקען קירסטיס פּנים? איך קלויב זי קוים פאַנאַנדער און דערפאַר קאָן איך זיך פאָרשטעלן אין דעם מיידל אַלץ, וואָס איך וויל זיך אין איר פאָרשטעלן. וואָס טויגן מיר די וואָלקן אויפן טשוכאָנישן הימל? איך בין אין דער וועלט דער איינציקער צוקוקער אָן אַ ביי־נאָקל. דער אָרקעסטער שפּילט זיין אַריינטריט צום דריטן אַקט, די סצענע איז ווייט פון מיר, ווי אין אַ חלום, מיין האַרץ צעבלאָזט זיך פון גרויס התפעלות, איך זע דעם שאַרלאַך־רויטן מאַנטל אויף יוליא, לילא־זייד אויף ראַמעא, און איך זע ניט קיין איין פאַלשע באָרד... און איר ווילט מיך פאַרבלענדן מיט ברילן פאַר 50 קאָפּיקעס.

ביינאַכט בין איך אַוועקגעפאָרן אין שטאָט. אָ. העלסינגפאָרס, די היים פון מיין טרוים...

אַלעקסאַנדער פעדאָראָוויטשן האָב איך ווייטער געזען פון אַ האַלב יאָר אַרום. אין יוני 1927, ווען ער איז געווען דער הויפּט פירער פון דער רוסישער אַרמיי און דער בעל־הבית אויף אונזערע לעבנס. אין יענעם טאָג איז געגומען געוואָרן דאָ טראַיצקער בריק, די פּוטילאָווער אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט אויפן אַרסינאַל, אין די טראַמוואַיען זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווי געפּגרטע פערד.

דער מיטינג איז געווען באַשטימט אין דעם פאָלקס־הויז. אַלעקסאַנדער פעדאָראָוויטש האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן רוסלאַנד דער מוטער און וועגן רוסלאַנד דאָס ווייב, דער עולם האָט אים געשטיקט מיט דער פעל פון זייגע ליידנשאַפטן. וואָס האָט ער דערזען אין דער אויסגעשפּיצטער פעל. ער, דער איינציקער צוקוקער אָן אַ בינאָקל? איך ווייס ניט, אָבער באַלד נאָך אים איז אויף דער טריבונע אַרויף טראָצקי, פאַרקרומט זיין מויל און האָט געזאָגט מיט אַ דעצידירנדיקער שטים.

— חברים און ברידער...:

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

	זייט
די געשיכטע פון מיין טויבנשלאַק	9
די ערשטע ליבע	27
דער „קיניג"	39
ווי מען איז זיך נוהג געווען אין אַדעס	49
דער פאַטער	63
ליובקע קאַזאַק	77
ביים באַטקאַ אונזערן מאַכנאָ	87
אַ בריוו	91
גדליה	98
שעוועליעוו	103
סאַשקאַ־כריסטוס	111
זאַמאָסטיע	119
זאַלץ	125
דער סוף פון הייליקן איפּאַטי	131
ליניע און פאַרב	136